# ילקוט ווהלין

ניסן פירער ז"ל
פארשטארבענער פרעזידענט
פון דער וואלינער
פעדעראציע אין אמעריקע
א וואלינער חשבון־הנפש
קהילה'שע און פאמיליען זכרונות
וואלינער דיכטער פרץ מארקיש
פון נייעם בוך לידער
פון אמיר גלבע
וואלינער יזכור־ביכער
און פון וואלינער שרייבער
אין דער אמעריקא. פעדעראציע

34

5-טער באַנד, 34-טע זאַמלונג

# ילקוט ווהלין

שבט תשל״ג — יאַנואַר 1973

ווער און וואָס אין ילקוט, נ. ל., 3

אַף דער לוויה פון אַ פריינט, עמנואל פּאָלאַק, 5
שבת אחים מיט ניסן פירער, אליהו מאַנדעל, 6
מיט כוח פונעם אידעאַל, מנחם קולארי, 7

## צו די שלושים פון ניסן פירער ז״ל

ווערטער געהאַלטן פון פנחס אבישר, משה בורקא,
לעאָ טשעקעווער, נתן ליבנה, 8
טרויער-אָוונט צו די שלושים פון ניסן פיער ז״ל אין ניו־יאָרק, מאָריס בעלל, 47

חשבון הנפש, נתן ליבנה, 13

## ק ה י ל ו ת

פראַנץ קאָזאַק — חסיד אומות העולם פון לויצק, יעקב עלבירט, 15
דאָרפישע זכרונות, חיים ליבנה, 16
הושענות און הקפות מיט צאַרישע אָפיצירן, 18
מיין וואָלינער... העברעיישע מאַמע, חיים באַלצאַן, 20
אַ וועלדל ביי לודמיר (ליד), מאיר שך, 23
דער קולטורטרעגער פון טאָרטשין, רות ברענער, 24
דער קאָלקער כליזמר, דב גלבוע, 26
מאַציוער זכרונות, ראובן קלאָדניוו, 27

פרץ מאַרקיש אין טשודנעוו-וואָלינסק, אליהו דליגאַטש, 29
פרץ מאַרקיש — דער דיכטער פון פּאָלאָנע, נ. ל., 30
חנוכה אין שניילאַנד (ליד), יעקב קאַרנאָוו, 31
און אויב כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון דעמלט שטיי איך דאָך נאָך דאָרטן (ליד),
אמיר גלבע, 32
די וואַנט (דערציילונג), עלען בורקאָ, 33

## ב י כ ע ר

אַ שיין ליטעראַריש ווערק וועגן אַן אינטערעסאַנט וואָלינער שטעטל,
ד״ר אריה מענטשער, 38
יזכור־בוך ראַטנע; אַ בוך זכרונות פון „דיאַדיא מישאַ״, שעיה שיכאַטאָוו, 41
ביכער פון וואָלינער שרייבער און קעמפער, אברהם גל, 44

אַ בריוו פון אַרגענטינע, עמנואל פּאָלאַק, 45
אין דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע, אברהם גרשנזאָן, 46

## געשטאַלטן

נחום מאַנעלזאָן ז״ל, אליהו מאַנדעל, 48

**YALKUT WOLYN**
Quarterly

Edited by Nathann Livneh

Published by the World Union of Wolynian Jews in Israel
Tel-Aviv — New-York

רעדאַקטאָר: נתן ליבנה

אַרויסגעגעבן פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל
תל־אביב — ניו־יאָרק

אַדרעס פון איגוד: רח כורזין 10 גבעתיים, טעל. 740621
איבערוויזונג פון מאַנוסקריפטן: ת. ד. 2180 רמת־גן
טעלעפאָן פון רעדאַקציע: 729824

געדרוקט אין דפוס „אורלי״, רח׳ עקיבא איגר 8, תל־אביב

יש אומרים, אַז די שענסטע מידה וואָס האָט באַצייכנט די גרויסע מערהייט פון וואָלינער יידן פון אַלע שיכטן אין משך פון דורות איז געווען די מידה פון צניעות. דאָס לייגט זיך אַפילו אָפּן שכל, ווייל וואָלינער יידן זענען אין משך פון דורות געווען... קנאַפּע גבירים. און „קנאַפּע גבירים", וואָס „קנייפּן זיך די באַקן אַבי די פאַרב

## נ. ל. ווער און וואָס אין ילקוט

זאָל שטיין" זענען, ווי באַוווּסט גאַנץ שפּלדיק און ענוודיק ביי זיך. זייער באַשיידן, צניעותדיק.

מעגלעך, אַז אָט די שיינע מידה פון צניעות איז אַריבער צו אונדז בירושה פון אונדזערע וואָלינער עלטערן: שוין יאָרן אַז מיר בויען דעם היכל וואָלין — מיט אונדזערע אייגענע, אָרימע מיטלען און ס׳פּאַלט קיינעם ניט איין בעטן, ביי וועלכן ס׳איז פאָנד, אָדער רעגירונג, אָדער אינסטיטוציע, אַ ביסל הילף, כדי דעם בנין סוף־סוף אַרויסענדיקן, און כדי מיר זאָלן זיך קאָנען אַ ביסל פאַרנעמען אויך מיט גייסטיקע ענינים און דערגרייכן דעם אמתן ציל: פאַראייביקן דעם ג ײ ס ט י ק ן געשטאַלט פון וואָלינער יידנטום.

הגם מיר זענען געבליבן ווייניק, זענען אפשר היינטצו־טאָג צעזייט און צעשפּרייט אַף דער וועלט פאַרמעגלעכע, און אַפילו גאָר רייכע וואָלינער יידן, אַ סך מער ווי ס׳זענען געווען אַ מאָל. „איז אָבער די צרה", זאָגן ליצנים, „אַז מיטן מאָמענט ווען אַ וואָלינער ייד ווערט רייך, זעט ער זיך במילא א ו י ס וואָלינער און אָרום דער וואָלינער פאָן קלייבן זיך הי די ווייניקער פאַרמעגלעכע..." היינט גיי בוי אַ היכל און לאָז שרייבן ספרים...

און אויב לא די, איז לעצטנס אַף אונדזער וואָלינער פאַרבאַנד, וואָס איז אַ „קנאַפּער גביר", געקומען נאָך אַ צרה: אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר זענען גערופן געוואָרן לישיבה־של־מעלה אַלע דריי פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן פאַרטראַכט און געפּלאַנט און געטראָגן אַף זיך די הויפּט־לאַסט פון אונדזער ווערק — אריה אַביטיחי, צבי בערגער און ניסן פירער, ז״ל. און טאַניאַ טשעקעווער ע״ה. איינע פון די יחידים וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אינעם יאָך פונעם ילקוט. איצט זענען מיר גאָר פאַראָרימט געוואָרן!

ניסן פירער איז געווען פון די לעצטע מאָהיקאַנער אונדזערע, וואָס כל־זמן זיי לעבן, איז נאָך אונדזער האָפנונג, זען במצבה הבנויה, ניט געשטאָרבן. אָבער ניסן פירער, וואָס שייך תכלית, איז געווען „דער גרעסטער מוהיקאַנער". זייענדיק אַליין אַ שטאָלצער וואָלינער ייד מיט אַן אייגענעם „איד", איז ער גלייכצייטיק שטענדיק אויך גרייט געווען מוחל זיין אַף זיין אייגענעם כבוד — כדי פאַראייביקן דעם כבוד פון אונדזערע קדושים. דערפאַר איז ער אויך געוואָרן אונדזער ניט־געקרוינטער אַמבאַסאַדאָר צו אַלע וואָלינער אומעטום ווו זיי זענען; איצט, ווען ער איז שוין מער ניטאָ, מוזן זיך די אַלע וועמען ער האָט געזוכט, אַליין אָפּרופן, אויב זיי ווילן דאָך אַז זייער שטאַם זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. דאָס איז אויך געווען בערך זיין צוואה שבעל־פּה, אין אָפּגעהאַקטע שמועסן מיט חברים.

*

שוין אַריבער צוואַנציק יאָר זינט סטאַלינס רציחות אַף יידישע שרייבער און קינסטלער אין סאָוועטרוסלאַנד: מיכאָעלס, נאָמבערג, האָפשטיין, האַלקין, דער נסתר, קושניראָוו, מאַרקיש און אַלע אַנדערע. די יידישע ליטעראַטור אין די יאָרן צווישן די וועלט מלחמות האָט זיך שנעל צעוואַקסן און צעצווייגט אין פאַרשידענע וועלט־טיילן: פּוילן, אַמעריקע, סאָוועטרוסלאַנד, אַרגענטינע און נאָך. ס׳איז אפשר געווען אַ שטילע קאָנקורענץ אַף דער העגעמאָניע אין דער יידישער ליטעראַטור צווישן די אַלע „צווייגן", אָבער נאָך גרעסער און פרוכטבאַרער איז געווען די קעגנזייטיקע השפּעה צווישן די אַלע צווייגן און, ווי מ׳זאָגט אין עברית, „קנאת סופרים תרבה חכמה". די יידישע ליטעראַטור וואָס האָט זיך געשאַפן אין סאָוועטנלאַנד איז דווקא ניט געווען פון די אָפּגעשטאַנענע. ס׳זענען דאָרטן געווען קינסטלער מיט אַ גרויסן פאַרנעם און

ס׳אפילו איבריק אגרופן געמען.

פרץ מארקיש איז אפשר ניט געווען דער „ארי שבחבורה״ דווקא, אבער ער איז געוויס געווען דער דרייסטער. פון די געציילטע „שטורמיסטן״. עזותדיק ביז גאר. איז ער דאך געווען דער ערשטער וואס האט גערופן דאס קינד ביים נאמען, ווי ער וואלט זאגן: עם ישראל חי דער ערשטער וואס האט פארעפנטלעכט א נאציאנאלע פאעמע („צו א יידישער טענצערין״) — א זאך פון סכנת־נפשות אין יענע צייטן.

און פרץ מארקיש איז געווען א וואלינער (פאלאנע), וואס וואלינער יידן זענען געווען זיין גרויסע ליבע.

מיר ברענגען דא וועגן מארקישן א ביסל זכרונות וועגן זיינעם א רעציטאציע־אוונט אין טשודנעוו־וואלינסק און קורצע שטריכן וועגן לעבן, שאפן און טראגישן אומקום פון דעם וואונדערלעכן וואלינער יידישן דיכטער, מיט וועלכן מיר מעגן שטאלצירן.

מיר דערמאנען מארקישן — און מיינען אויך אלע אנדערע אומגעקומענע גרויסע יידישע קינסטלער דורך סטאלינען, צו זייער צוואנציקסטן יארצייט.

*

אז אין א סך וואלינער קהילות זענען געווען יחידים וואס האבן, אין די צארישע צייטן, געטראגן אף זיך די לאסט פון די קהילות און געזארגט פאר זייער אנטוויקלונג — דאס איז ניט קיין נייעס. ס׳לעבן נאך צווישן אונדז יידן וואס געדענקען אט די קולטורטרעגער, יעדער איינער אין זיין מקום. דערפאר, אפשר, איז די נאטיץ וועגן טארטשינער פארזארגער אין דעם ילקוט קיין רבותא ניט. וויכטיק איז דער עצם־געדאנק פון וועלן אויפלעבן אט די אלע ראשונים פון פארשידענע קהילות. דערציילונגען וואס זענען אפשר ביכולת באלייכטן א וויכטיק ווינקל אין דער אנטוויקלונג, און אפשר אויך אין אויפשטיין פון פארשידענע קהילות. א שאד נאר, וואס די שרייבערין פון נאטיץ, רות ברענער, האט ניט געקענט פערזענלעך איר העלד און האט געשריבן — מפי השמועה. פון הערן און געדענקען. געוויס לעבן נאך צווישן אונדז מענטשן — ביז 120 — וואס האבן געקאנט פערזענלעך אזעלכע העלדן וואס זענען באמת ראוי זיי זאלן ניט פארגעסן ווערן. אדרבא, מיר ווארטן.

*

אין דער ראם פון זכרונות וועגן ספעציפישע וואלינער יידישע פאמיליעס וואס וויקלען פאר אונדז אויף א ברייטע יריעה פון יידישן לעבן אין וואלין און אויסער וואלין, ברענגען מיר דא פאמיליען־דערציילונגען פון ה״ה חיים באלצאן, יעקב בר־מידות און אפשר אויך דב גילבוע. פונקט ווי א גוטער היסטארישער ראמאן אדער דערציילונג געבן צו א פסיכאלאגישן פירוש צו פארשידענע (אומקלארע) געשעענישן, אזוי אויך באלייכטן גוט־געשריבענע זכרונות דאס פארשידנפארביקייט און טראגעדיע אין לעבן פון א גרויסן טייל פון פאלק וואס איז ניטא מער. לייענענדיק וועגן זייער לעבן און חורבן, פילן מיר ווי טיף און ווייטיקדיק איז אונדזער טראגעדיע, אז ס׳ציטערט אזש אף אונדז די הויט.

*

און עטלעכע שורות וועגן לידער אין דעם ילקוט:

פון קיעוו האבן מיר דערהאלטן א ליד לכבוד חנוכה. דער שרייבער פון ליד, א וואלינער, האט געהערט אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן צו דער פליעאדע פון יונגע שריפטשטעלער אין ווארשע און א חבר פון דארטיקן יידישן ליטעראטן־פאראיין.

און א ליד פונעם נייעם בוך לידער פון „אונדזער וואלינער״ דיכטער אמיר גלבע „איילה אשלח אותך״ (הינדין, כ׳וועל דיך שיקן). אמיר גלבע איז ניט קיין פנים חדשות פאר אונדזערע לייענער. ער געהער צו די גאר־ווייניק ישראלדיקע דיכטער און שרייבער וואס זייער שאפונג אטעמט ווארצלדיק און טיף מיט יידישע מקורות, מעג די טעמע פון ליד זיין אוניווערסאל און מאדערן. „און אויב כ׳בין אוועקגעגאנגען פון דעמלט שטיי איך דאך נאך דארטן״ — אויב איר ווילט קאן עס אונדז דינען אלס מאטא און אריינפיר צו א היפשער צאל פון זיינע לידער. און דרך־אגב, אינטערעסאנט ווי שוין אין אט דער שורה גיסן זיך צענויף צייטן און מקומות און ווערן איינס.

# אף דער לוויה פון א פריינט

עמנואל פאַלאַק

ס׳איז געווען אַ שיינער, זוניקער הערבסט־פרימאָרגן. די גרינע ביימער־קופּעס און די ברייטע אַלייען אין פאַרק־שטח אין ברוקלין זענען דאָס מאָל געווען ווי שענער און רייצנדיקער ווי אין משך פון גאַנצן זומער. איז׳ס אפשר דערפאַר ווייל זיי פילן ווי ס׳רוקט זיך אָן דער סוף, דער אָנהויב פאַלן פון זייער קרוין — די בלעטער — פון זייער קאָפּ, און ווילן געניסן פון לעבן ווי נאָר מעגלעך? אָדער אפשר איז עס די שיינקייט פון זייער „גייסט״, ווי למשל אַ מענטש־אַ חכם, אַז וואָס מער ער דערנענטערס זיך צום ענדציל ווערט זיין גייסט אַלץ רייפער, רייכער און שענער? —

סיי־ווי־סיי, כ׳האָב געמוזט איבעררייסן די פלוצים אויפשוומענדיקע געדאַנקען וועגן פאַרן־סוף־־שיינקייט אין דער נאַטור. סך־הכל זענען זיי דאָך אַ פועל־יוצא פון אַ שווער געמיט. פון עפּעס וואָס קלעמט און נאָגט און ט׳זיך געלייגט אָפן האַרצן און אָף דער נשמה ווי אַ שאָטן... מיינע פיס האָבן מיך געפירט אינעם זאַל פונעם לוויה־הויז, ווו ס׳האָט זיך שוין געהערט דער הספד אָף אַ ליבן פריינט און חבר — ניסן פּירער ז״ל... צו דעם האָב איך אַ ביסל פאַרשפּע־טיקט צוליב די האַרבסט־געדאַנקען און די אַלייען?

דער זאַל איז געווען פול־געפּאַקט פון וואָלינער יידן, ידידים און חסידים פון נפטר און פון דער גרויסער משפחה, אָן עין־הרע. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט נאָר די שטים פון ראַבאַי. אַ פּנים אַז ס׳כדאַי זיך איינהערן צו זיין הספד, דאַכט זיך אַז די ווערטער זיינע קומען אים פון האַרצן אַרויס... אַנדערש ווי אַ אַנדערס מאָל.

דאָך האָבן מיך מיינע געדאַנקען איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, צום ל ע ב ע ד י ק ן ניסן פּירער. צום שטילן, צניעותדיקן פריינט, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אָנגעפירט מיט דער פעדעראַציע פון וואָלינער יידן וואָס ער האָט געגרינדעט אין אַמעריקע. אָט זיצן מיר דאַכט זיך צוזאַמען. געמיטלעך. אינעם שאָטן פונעם עבר. נו, נאָסטאַלגיע. ער רעדט זיך שטיל אַראָפּ פונעם האַרצן: דער היכל־וואָלין צום אָנדענק פון וואָלינער קדושים איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט, און ווער ווייסט צי ער וועט נאָך דערלעבן דערצו, אַז דאָס פינאַנסירן דעם היכל קומט אָן מיט קריעת ים־סוף... אַמעריקע איז טאַקע אַ רייך לאַנד, אָבער וואָלינער יידן אין אַמעריקע זענען קליינע גבירים... אויב „ס׳וואָלגערט״ זיך ערגעץ־ווו אַ „וואָלינער מיליאָנער״ וויסן מיר ניט. ער שווייגט — און גיי זוך מיך...

אָבער ניסן פּירער האָט זיך געשטעלט דעם אויפבוי פון היכל אַלס לעבנספראַגע. ווי למשל „זיין אָדער ניט זיין״. זינט ער האָט זיך באַפרייט פון זיין באַשעפטיקונג האָט ער זיין גאַנצע פרייע צייט און פולער ענערגיע געווידמעט דער אַרבעט לטובת דער פעדעראַציע. און ווירקלעך, ער מוז דערלעבן די גאולה — זען אין פולן אויפבוי פונעם היכל. זיין גייסטיקן תוך — אינקלוסיוו...

איך זיץ און הער אים אויס און שאָקל שטיל צו מיטן קאָפּ. וואָס האָב איך אים צו זאָגן? ווי אַ סך אַנדערע: „מיר וועלן בעזרת־השם אויסענדיקן״? מיר — ווי די פליג און דער אָקס ביי קרילאָוון...

אויב די פעדעראַציע האָט געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג — איז עס געוויס אַ דאַנק דער אָנאויפהעריקער מי און איבערגעגעבנקייט פון ניסן פּירער; אויב פאַרהאַוועטע וואָלינער יידן אין אַמעריקע, שוין ניט מער קיין יוגנטלעכע, האָבן צוגעלייגט האַרץ־און־אויער צו דער טרויעריקער געשיכטע פון דער אַלטער היים — איז עס אַ דאַנק די האַרציקע ווערטער פון ניסן פּירער; אויב ס׳האָט זיך אין זיי דערוועקט אַ דורשט נאָך ליטעראַטור וועגן לעבן פון זייערע עלטערן און קרובים און פאַרגאַנגענע דורות אָף דער וואָלינער ערד — און אַ בענק־שאַפט נאָך זכרונות פון קינדער און יוגנט־יאָרן — איז׳ס אַ דאַנק ניסן פּירער (און דעם ילקוט, וועלכן ער האָט זייער געשעצט!) וואָס האָט זיך באַמיט דאָס אַלץ אין זיי דערוועקן.

ניסן פירער איז בטבע געווען אַ שטילער מענטש, ווייט פון צו זיין אַגרעסיוו, ווי ס׳האָט זיך אפשר עמיצן אויסגעדוכט. אָבער צוגעצויגן צו אים האָט דווקא זיין באַשיידנקייט, זיין אויפריכטיקייט, זיין חברן זיך, זיין קאָנען זיין אַן אמתער פריינט.

ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט פערזאָניפיצירט דעם פאָטער־געשטאַלט. זיין אַנוועזנדקייט האָט צוגעגעבן דאָס געפיל פון וואַרעמער היימיש־געמיטלעכקייט, ווי די אַנוועזנדקייט פון אַ גוטן, קלוגן פאָטער וואָס שפילט זיך מיט קינדער־אייניקלעך.

געוויס איז ניסן פירער געווען דער פאָטער פון דער גרויסער וואָלינער פעדעראַציע־משפחה אין אַמעריקע. אין אַ געוויסן זין האָבן מיר זיך אַלע געפילט ווי זיינע קינדער. איצט אפשר וועלן מיר פאַרשטיין מער זיין גערוואַנגל פאַר אַ בעסערער, יידישלעכער וועלט, פאַרן וועלן אויפלעבן דעם עבר. זיין טויט איז אַ שווערער פאַרלוסט פאַר דער וואָלינער פעדעראַציע, פאַר אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע, פאַר זיין איבערגעגעבענער אסתר און זיין גרויסער, ליבער משפחה. פאַר יעדן איינעם פון אונדז באַזונדער. פאַר מיר — וואָס ער איז מיר געווען ווי אַן אמתער ברודער...

דער ברוקלינער פאַרק איז געווען אין זיין פולן האַרבסטיקן פראַכט דעם פרימאָרגן, אָבער אַ שווערער שאָטן האָט זיך געלייגט אַף די ביימער־שפיצן. עפעס ווי אַ וואָלקנדל טונקלט זיך העט־דאָרט, אינעם ווייטן האָריזאָנט. עפעס ווי אַ כמאַרע לייגט זיך אַפן האַרצן. ווען איך בין איצט אַ קינד נאָך, וואָלט זיך געוויס געגאָסן פון מיינע אויגן אַ רעגן־מיט־טרערן.

אליהו מאַנדעל

# שבת־אחים מיט ניסן פירער

אַט אַזוי זענען מיר זיך געזעסן, אַ גרופּע חברים פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון ילקוט ווהלין, צוזאַמען מיט ניסן פירער און זיין פרוי אין זיין האָטעל אין תל־אביב און געמיטלעך געשמועסט וועגן „וואָלינער" ענינים. וועגן היכל יהדות ווהלין, וואָס אַט־אַט־אַט ווערט ער געענדיקט, אָבער — סטאָפּ. דערווייל גייט ניט ווייטער: וועגן „גייסטיקן תוך" פונעם היכל, וואָס, דאַכט זיך, מיר ווייסן וואָס דאָס דאַרף זיין — און דאָך פעלט עפּעס. ווי משה רבנו, וואָס זעט דאַכט זיך ארץ־ישראל אַף זיין האַנט און דאָך קאָן ער ניט אַריינגיין... און וועגן ילקוט ווהלין. יאָ, דער עיקר־געשפּרעך איז טאַקע געווען אַרום דעם ילקוט.

יעדער איינער פון אונדז, און אַן אַמעריקאַנער ייד בפרט, ווייסט וואָס ס׳באַטייט דעפיציט אין אַ זשורנאַל וואָס איז געבויט אַף פרייוויליקער אַרבעט — און דער ילקוט, בפרט דער יידישער, ליידט דווקא פון אַ כראָנישן דעפיציט... איז אם כן, למה זה אנכי? וואָס דאַרפן מיר דאָ זיך ברעכן דעם קאָפּ, ממש ווי אונדזערע וואָלינער מאַמעס, עליהן השלום, וואָס האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ „ווו נעמט מען אַף שבת". און די וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע ווו איז?

ניסן פירער האָט קלוג געשוויגן. שטיל און באַשיידן. נאָך דעם האָט ער גענומען דאָס וואָרט. און גערעדט האָט ער נאָך באַשיידענער און גענעגעבן האָט ער צו פאַרשטיין, מיט משלים און ביישפילן, ווי אַזוי דער יידישער ילקוט איז וויכטיק פאַר די וואָלינער אין אַמעריקע (אויך אַ סך ניט וואָלינער זוכן דאָרט אַרום דעם ילקוט!) „קינדער", האָט ער זיך צו אונדז געווענדעט, „ווען איר ווייסט ווי אַזוי מיר דערוואַרטן ביי אונדז אין אַמעריקע דעם יידישן ילקוט! דאָס איז דאָך אונדזער ברויט, מיט וועלכן מיר קומען צו אונדזערע וואָלינער ברידער, און איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט וואָס ס׳מיינט צו זיין אָן ברויט, חס־ושלום... אַז מיר שלינגען ממש יעדעס וואָרט! אינעם ילקוט זעען מיר ניט די

שטומע וועגט פונעם היכל ווהלין. דאָס געדרוקטע וואָרט ברענגט פאַר אונדז די לעבעדיקע וועלט פון וואָלינער יידן ווען זיי האָבן נאָך געלעבט. מיר געפונען דאָרטן פראַגמענטן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט. שטיקער לעבן, וואָס איז שוין מער ניטאָ, און דער עיקר — מיר געפונען דאָרטן אָפט מאָל זיך אַליין. יאָ, יאָ, ניט איינמאָל האָב איך געזען ווי אַזוי יידן, אַ ביסל דערוווייטערטע שוין, זענען נאָכן אַריינקוקן אין די זשורנאַלן גאָר געוואָרן וואַרעמע יידן... אַ פאַקט!

אונטער די גלעזלעך פון זיינע ברילן האָבן זיך צעגלאַנצט טרערן אין זיינע אויגן, אַזוי אַז אויך מיך האָט פאַרכאַפּט ביים האַרצן... איז וואָס האָבן מיר געהאַט צו זאָגן? קיינער פון אונדז איז שוין צום וואָרט ניט געקומען. און מיר האָט זיך אַזוי געגלוסט נעמען אָט דעם טייערן, קלוגן און פראַקטישן וואָלינער יידן פון ברוקלין, אים אַריבערנעמען פון דאָרטן צו אונדז אין ישראל און מיט אָט דעם כוח פירן צוזאַמען די ווייטערדיקע אַרבעט ביז דער פולער פאַרווירקלעכונג, ביזן ענדציל.

דאָך איז ער ניט געבליבן בלויז ביים רעדן. ער האָט אַלץ געטון כדי צו פאַרדאָפלען די הילף פון דער פעדעראַציע פאַרן ילקוט. אויך דאָס איז ליידער ניט גענוג — אָבער דאָס איז אַ קאַפיטל פאַר זיך. ניסן פירער איז געווען דער, וואָס האָט געפאָדערט מער גייסט און נשמה אין אונדזער ענין — און דאָס איז דאָך דער עיקר.

מנחם קולארי

# מיטן כוח פונעם אידעאל

ווען איך האָב זיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין ברוקלין, מיט נייטן פירער ז״ל, האָב איך גלייך געפילט אַז פאַר מיר שטייט אַ מענטש אַן עקשן־אידעאַליסט, אַ „משוגע לדבר״ ווי מיר ישראלדיקע זענען געוווינט זאָגן. מיט זיין איינפאַכן צוגאַנג צו זיין גרויסן אידעאַל האָט ער ביי מיר גלייך דערוועקט גרויס רעספּעקט צו אים. „ביסטו אַ וואָלינער ייד — איז דיין פליכט אַנטייל נעמען אינעם אויפשטעלן אַ מצבה לזכר דעם אומגעקומענעם וואָלינער יידנטום״.

איך אַליין בין ניט קיין וואָלינער געבוירענער נאָר אַן „אַדאָפּטירטער״ דורך מיין פרוי העלאַ ז״ל וואָס איז געווען אַ טאָרטשינער און דער געדאַנק פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פונעם וואָלינער יידנטום איז איר געווען זייער צום האַרצן. פון אַ „באַגלייטער״ בין איך מיט אַ מאָל געוואָרן אַ „פאַרברענטער״ טוער אין דער וואָלינער פעדעראַציע אין ניו־יאָרק — אַזוי אָט דער מענטש מיך באַגייסטערט.

דער היכל וואָלין איז ביי אים געוואָרן מיט דער צייט זיין ציל אין לעבן. ניט איינמאָל האָב איך זיך געוווּנדערט, ווי קומט צו אַזאַ איינעם אַזאַ מאַגנעטישן כוח צוציען צו זיין אידעע אויך מענטשן פון אויסער דעם ראָם?

דעם נאָמען נייטן פירער איז שוין, זינט יאָרן, געווען אַן אינסטיטוציע צווישן ברוקלינער יידן, און ווייל זיין צוגאַנג צו זאַכן איז געווען שטענדיק ערלעך און מיט יושר, איז אים געלונגען גאַנץ שנעל אויפשטעלן די פעדעראַציע פון וואָלינער יידן אין אַמעריקע.

איך, אַ ישראלדיקער, מיט אפשר אַן אַנדער צוגאַנג צו זאַכן, איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען פירן מיט אים אַ וויכוח וועגן אופן פון רעאַליזירן פּלענער, אָבער ער האָט מיך שטענדיק איבערגעצייגט מיט זיין, אפשר נאַאיווער, עקשנותדיקער ערלעכקייט.

נייטן פירער, איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, באַוווּסט אין אַלע יידישע קרייזן אין אַמעריקע. האָט דערוואָרבן אַ סך פריינט און אויך מיך צוגעצויגן צו זיך. ס׳איז טרויעריק שרייבן לויבגעזאַנגען נאָך אַ פריינט וואָס איז אַוועק פון אונדז, אָבער איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן ווי אַזוי די אַמעריקאַנער פעדעראַציע וועט קאָנען ממשיך זיין איר אַרבעט אָן אים. איז ער דאָך געווען דאָס האַרץ פון אונדזער צענטער! דאָס ווייטערדיקע ממשיך זיין די אַרבעט אין דער פעדעראַציע וועט זיין דער בעסטער אָנדענק פאַר אים.



# צו די שלושים פון ניסן פירער ז"ל פרעזידענט פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע

**טרויער־אָוונט איינגעאָרדנט דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל אין היכל יהדות ווהלין, מיטוואָך, ב׳ כסלו תשל"ג דעם 8טן נאָוועמבער 1972. מיטן אָנטייל פון פּאָפּולערן חזן אריה בראון.**

מיר ברענגען דאָ אַ קורצן אויסצוג פון די ווערטער וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אַפן אויבנדערמאָנטן אָוונט צום אָנדענק פון גרינדער און פּרעזידענט פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקאַ, ניסן פירער ז"ל. געעפנט דעם אָוונט האָט ריכטער פנחס אבישר, פאַרזיצער פון וואָלינער וועלטפאַרבאַנד אין ישראל.

פ נ ח ס  א ב י ש ר: כ׳האָב געהאַט דעם זכות זיך טרעפן מיט ניסן פירער ז"ל מיט ניין יאָר צוריק ווען דער היכל יהדות ווהלין איז געווען ניט מער ווי אַ חלום, געוועבט פון אריה אבטיחי ז"ל. ביזן רעאַליזירן דעם פּלאַן איז נאָך געווען אַ ווייטער מהלך. ס׳דערמאָנט זיך מיר די באַגעגעניש מיט אבטיחין אין ליל הזיכרון פון געפאַלענע פון צה"ל אין יאָר תשכ"ג אין היכל התרבות אין תל־אביב. קורץ און זאַכלעך האָט אבטיחי מיר דערציילט וועגן זיין פּלאַן אויפשטעלן אַ מאָנומענט און אַ קולטור־צענטער א. נ. פון וואָלינער אומגעקומענע יידנטום. זיינע התלהבותדיקע ווערטער האָבן אַף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און כ׳האָב גלייך מסכים געווען מיטאַרבעטן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער גרויסער וויכטיקער אונטערנעמונג. כ׳האָב צופעליק דערציילט אבטיחין אַז כ׳האַלט ביי מאַכן אַ קורצע רייזע קיין אַמעריקע. ער האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט און אַף מיר אַרויפגעלייגט די מיסיע צוזאַמענאַרבעטן מיט צבי בערגער ז"ל, וואָס האָט אויך געזאָלט פאָרן קיין אַמעריקע אין דער זעלבער צייט, צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט וואָלינער עסקנים אין אַמעריקע, כדי צוזאַמען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. צום ערשטן מאָל האָב איך דעמלט געהערט דעם נאָמען נ י ס ן  פ י ר ע ר. „אַן אונדזעריקער. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אַלס יינגל, אָבער דער זכר פון דער ,אַלטער היים׳ ברענט אין אים ווי אַ פייער". „ער וועט אייך שוין דאָרט באַגעגענען" האָט מיר אבטיחי פאַרזיכערט „און ער וועט שוין דאָרטן צענויפזאַמלען וועמען מ׳דאַרף..."

און ווירקלעך. ס׳האָט אַלץ געקלאַפּט. אין האָטעל אין ניו־יאָרק וווּ כ׳האָב געזאָלט איינשטיין איז שוין געווען אַ בריוו פאַר מיר פון פירערן מיט אַן אָנגעגעבענער דאַטע ווען מיר וועלן זיך טרעפן.

מיר האָבן צוזאַמען באַשטימט אַ טאָג ווען מיר זאָלן צענויפרופן וואָלינער חברים און עסקנים. אין די 10 טעג ביז דער פאַרזאַמלונג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך מיט אים גוט באַפריינדן. איך האָב אין אים געזען אַ וווּנדערבאַרן מענטשן מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און מיט אַ וועלט מסירות פאַר אונדזער געמיינזאַמען אידעאַל. מיר האָבן שעהן לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען און דאָס געשטאַלט פון וואָלינער יידנטום איז געווען פאַר אונדזערע אויגן.

פירער איז בטבע געווען אַ
גרויסער מכניס אורחים און פאַר־
מאָגט אַ באַזונדערן יידישן חן,
כ׳האָב אין אים געזען אַ פּראָ־
טאָטיפּ פון יענע וואָלינער יידן
וואָס זייער אָנדענק ווילן מיר
פאַראייביקן.

די באַגעגעניש מיט די וואָ־
לינער חברים אין ניו־יאָרק איז
פאָרגעקומען אין אַ זאַל פון
„פאָרווערטס"־רעדאַקציע. אַ דאַנק
ניסן פירער איז דעמלט געגרינ־
דעט געוואָרן די „וואָלינער פע־
דעראַציע" — אונדזערע שות־
פים פון אויפבויען דעם היכל
ווהלין.

דער אָנדענק פון ניסן פירער
וועט לאַנג לעבן צווישן די ווענט
פון דעם הויז.

מ ש ה  ב ו ר ק אָ: ניסן פי־
רער ז"ל איז געווען אַ גוטער,
טייערער חבר. פּראַקטיש ביז גאָר
און אַ קלוגער בעל־יועץ. אַ
מענטש פון גלייכן וועג. האָט גע־
ערט צו דער גרופּע פון די ערש־
טע גרינדער און בויער פונעם
היכל ווהלין.

אַ געבוירענער אין לוצק, האָט
ער עמיגרירט, אַ בר־מצווה ייִנ־
גל, קיין אַמעריקע, ווו ער האָט
פאַרדינט זיין פּרנסה פון אייגע־
נער מי. געווען דאָרטן, אין משך
פון אַ סך יאָרן אַן אַקטיווער, אי־
בערגעגעבענער חבר אין דער
אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און אין
פאַרשידענע אינסטיטוציעס. הגם
דער גורל האָט אים אַזוי ייִנג
פאַרטריבן מעבר לים, ווייט פון
זיין געבוירן־אָרט, וואָלין, איז
ער דאָך גייסטיק געווען צוגע־
בונדן צו זיין שטאַם מיט זיין
גאַנצן וועזן, אַ קאָנטאַקט וואָס
ער האָט אָנגעהאַלטן אַלע זיינע
יאָרן, שטייענדיק בראש פון לוצ־
קער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמע־
ריקע. ער האָט ממש געטרויערט
און געוויייטיקט דעם אומקום פון
אייראָפּעישן יידנטום, בפרט פון
וואָלינער יידנטום וואָס איז אים
געווען צום האַרצן און האָט
גלייך, נאָכן פאַלן פון די נאַציס,
עטלעכע מאָל באַזוכט אין ישראל,
כדי זיך טרעפן מיט די אָפּגעראָ־
טעוועטע רעשטלעך לוצקער יידן
און זיי דערלאַנגען מאַטעריעלע
הילף, מיט זיין איניציאַטיוו און
מיטהילף איז אויפגעבויט געוואָרן
בית לוצק אין בת־ים און ס׳איז
דערשינען דער יזכור־בוך לזכר
דער לוצקער קהילה.

אָבער זיין אמתע מסירות צום
וואָלינער יידנטום איז געקומען
צום אויסדרוק ווען מיר האָבן,
אין 1963, געגרינדעט דעם וועלט־
פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן וואָס
האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע
אויפשטעלן אַ דענקמאָל אין יש־
ראל פאַר די אומגעבראַכטע וואָ־
לינער קהילות און זייערע קדו־
שים. ניסן פירער האָט געוויד־
מעט זיין גאַנצן כוח און ענערגיע
דער פאַראייביקונגס־אַקציע. און
אַזוי, אין משך פון 8 יאָר, אָן
אויפהער, האָט ער ניט גערוט,
באַאיינפלוסט און געשאַפן נפשות
פאַר אונדזער אידעאַל און געטון
ווי ווייט זיינע כוחות האָבן אים
דערלויבט. ער איז געווען דער
לעבעדיקער גייסט אין דער אַמע־
ריקאַנער־קאַנאַדער פעדעראַציע,
גובר געווען אַ סך שוועריקייטן
און שטערונגען מצד אינסטיטוציעס
און יחידים און צוגעצויגן צו
אונדז אַ סך וואָלינער לאַנדס־
מאַנשאַפטן און שפענדער און
מאָביליזירט אַ היפשן טייל פון
די נויטיקע מיטלען כדי בויען
דעם היכל.

ניסן פירער האָט מצליח געווען,
ווייל ער איז געגאַנגען זיין וועג
מיטן דרך הישר, ווען זיין גלויבן
און ערלעכקייט דינען אים אַלס
קאָמפּאַס. זיין מסירות און אָרנט־
לעכקייט האָבן מיטגעריסן אויך
אַנדערע, און די מחנה האָט זיך
פאַרגרעסערט.

ניסן פירער האָט געפירט אַ
פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ און
געשפּרעכן מיט די פאַרוואַל־
טונגס־חברים און אַנדערע, מעל־
דנדיק און וועלנדיק וויסן יעדע
איינצלהייט. צום חנוכת הבית איז
ער געקומען ספּעציעל אַ חודש
פריער, כדי אָנטייל נעמען אויך
אין דער „גענעראַל־פּראָבע". ער
האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרט־
לעך, ווייל ער האָט געגעבן הת־
חייבותן. ער האָט געגעבן זיין
וואָרט. זיין לעצטע שטרעבונג
איז געווען זיך באַזעצן ממש אין
ישראל און נעמען אַן אַקטיוון
אָנטייל אין דער אויספּערטיקונג־
אַרבעט פונעם היכל. ער האָט
אויך געוואָלט אויסלעבן זיינע
לעצטע יאָרן אין מדינת ישראל.
האָט אָבער דער גורל געוואָלט
אַנדערש און ער האָט געמוזט
זיך שנעל צוריקקערן צוזאַמען
מיט זיין פרוי און אין גאָר אַ
קורצער צייט פון אונדז צוגענו־
מען געוואָרן.

ניסן פירער האָט אַ גרויסן חלק
אינעם היכל, ער האָט זיך מוסר
נפש געווען. אָבער אויך די אָנפי־
רערשאַפט דאָ אין ישראל האָט
אים ניט פאַרגעסן און פאַראיי־
ביקט זיין נאָמען אַף אַ שיין
ווינקל אינעם היכל. און דער
עיקר — זיין נאָמען איז איינגע־
קריצט אין די הערצער פון זיינע
חברים אין אַמעריקע און אין
ישראל.

ל ע אָ  ט ש ע ק ע וו ע ר: מיר
איז אויסגעקומען זיך באַגעגענען
מיט ניסן פירער ז"ל צום ערשטן
מאָל מיט 12 יאָר צוריק, האָרט
פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ישראל.
אונדזער באַגעגעניש איז טאַקע
געווען אין צוזאַמענהאַנג מיטן
געדאַנק פון בויען דעם „היכל
ווהלין" צום אָנדענק פון וואָלי־
נער יידנטום — אַ געדאַנק וואָס
האָט שוין דעמלט באַקומען פלי־
גל. ער איז אַרויפגעקומען צו
מיר אין אָפיס און מיט גרויס
ענטוזיאַזם געמאָלן פאַר מיר אַב־
טיחי ז"ל׳ס פּלאַן, אויסגעבע־
סערט פון אים, פון פירערן, וועגן
אויפשטעלן אַ גרויסן מאָנומענט
אין ישראל צום אָנדענק פון וואָ־
לינער קדושים און מיר פאַר־

געשלאָגן נעמען אָנטייל אין דער וויכטיקער אַרבעט.

פירער האָט „געטראָפן". איך האָב, למען האמת, געפונען גרויס אינטערעס אין אָט דעם פּלאַן. בין איך דאָך געווען אַ „פּאַטריאָט" פון דער אַלטער היים ניט ווייניקער פון אַנדערע. אויסער דעם האָב איך געהאַט אַ פּערזענלעכן גרונט דערצו: מיינע עלטערן, 2 שוועסטער און ברודער זענען אומגעקומען אין 1918, בעתן פּאָגראָם אויף יידן אין טשודנעוו, איינגעאָרדנט פון אוקריינישע מערדער, וואָס זייערע זין, אפשר, האָבן מיטגעהאָלפן פאַרטיליקן טשודנעווער יידן ביימי היטלער ימ"ש. פירער האָט אלזאָ ניט באַדאַרפט אויף מיר שווער „אַרבעטן"...

מיר האָבן זיך דערנאָך מערערע מאָל געטראָפן סיי אין אַמעריקע סיי אין ישראל. מיר האָבן זיך אויך פון צייט צו צייט אַדורכגעשריבן. זיינע לאַנגע בריוו זענען מערסטנטייל געווען געשריבן על טהרת היידישע ליטעראַטור, מיט יידישן חן און מיט שכל און פול מיט אהבת ישראל. און מיט טיפן אינטערעס צום היכל. זיין גרויסער חלום איז געווען דערלעבן זען דעם אויסגעענדיקטן „בית המקדש" — דעם היכל. ער האָט אין דעם ווערק אַריינגעלייגט הארץ און נשמה. ער איז געווען אַ פירנדיקער כוח ניט נאָר אין דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע. ער האָט געווירקט פון דאָרטן אויך אויף אונדז — ישראלדיקע. איך וואָלט געזאָגט אַז נאָך אבטיחים טויט איז פירער געווען — אבטיחי...

ער איז געווען, לויט מיין מיינונג, אַ ביסל אַן „עם קשה עורף", אָבער דווקא אָט די איינגנשאַפט זיינע האָט געבראַכט אָפטמאָל גוטע רעזולטאַטן, ווייל כדי צו קעמפן פאַר אַן אידעאַל מוז מען, ווי באַוווסט, אויך זיין אַן עקשן. סיי אין ישראל סיי אין אַמעריקע האָט מען זיך דעריבער באַמיט זיך רעכנען תמיד מיט זיינע מיינונגען, צו וואָס, מ'האָט, דרך אגב, ניט דערלייגט... בערנארד שאָו האָט אַ מאָל געפּרוּווט דערקלערן דעם אונטערשיד פון דענקענדיקע מענטשן און מענטשן וואָס חלומען נאָר: די ערשטע באַמיען זיך צופּאַסן צום לעבן און צו דער וועלט; טרוימער ווילן צופּאַסן די וועלט צו זייערע שטרעבונגען. אָבער מיר יידן האָבן שטענדיק געטון פאַרקערט. מיר האָבן זיך ניט געוואָלט צופּאַסן צום גלות ביז אונדזער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. פירער געהער צו די וואָלינער וואָס האָבן עקשנותדיק געהאָלפן פאַרווירקלעכן אַ גרויסן חלום.

כ'בין צופעליק געווען אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק ווען פירער האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ישראל אויף אַ יאָר צייט, לכל הפחות, כדי העלפן אויסענדיקן דעם היכל „פיקס און פערטיק". כ'האָב זיך באַטייליקט אינעם געזעגענונגס־אָוונט לכבוד אים איינגעאָרדנט פון די אַמעריקאַנע חברים. יענעם אָוונט האָבן מיר אַלע געהאַט די געלעגנהייט דערקענען פירערן — דעם „טעאָרעטיקער" פון וואָלינער אידעאַל, וואָס ווייסט ניט קיין פשרות.

ליידער האָט ער געמוזט גלייך צוריקפאָרן פון תל־אביב קיין ניו־יאָרק. זיין קראַנקהייט האָט אים אכזריותדיק אוועקגעריסן פון אונדז.

נחום שרון: ס'איז אונמעגלעך אויפוויקלען אַ מענטשיש לעבן פון פינף און זיבציק יאָר אין קורצע הספד־ווערטער, בפרט ווען דער מענטש איז אונדזער טייערער פריינד — ניסן פירער. בפרט ווען דאָס לעבן איז געווען זייער אינטענסיוו. אונדזער דור איז „רייכער" אין דראַמאַטישע געשעענישן פון אַלע פריערדיקע דורות. און ניסן, וואָס איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין אונדזער יאַרהונדערט ערגעץ ביי די ברעגעס פון טייך סטיר, האָט מיטגעלעבט און מיטגעמאַכט אַלע דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען פון דער תקופה. נאָך אַ יינגל — לויפט ער צוזאַמען מיט דער משפחה אינעם „גאָלדענעם לאַנד" אַמעריקע. דעם אמת געזאָגט איז דאָס געווען אַן אינסטינקטיווער אַקט פון ראַטעווען זיך פון די אומגליקן וואָס האָבן שפּעטער געטראָפן דאָס רוסישע און פּוילישע יידנטום. מ'איז געלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד פון שרעק פאַר פּאָגראָמען, פאַר הונגער. מ'איז אַנטלאָפן פון פיינטלעכע פעלקער און רעזשימען. אויך אין דעם נייעם לאַנד דערוואַרטן אים ניט קיין באַלדיקע גליקן. ער שטרעבט צו סיסטעמאַטישער בילדונג, אָבער מוז זאָרגן פאַר פּרנסה. איז נוצט ער אויס יעדע פרייע מינוט צו לייענען און צו פאַרברייטערן זיינע האָריזאָנטן. קודם כל באַקענט ער זיך מיט דער ליטעראַטור אין יידיש און בלייבט איר טרייער ליבהאָבער און חסיד ביזן סוף פון זיין לעבן. ערב זיין אָפּפאָרן צוריק קיין אַמעריקע נאָכן לעצטן באַזוך אין ישראל האָט ער מיטגענומען מיט זיך די די לעצטע אויסגאַבן פון דער „גאָלדענער קייט" און אַנדערע ביכער וואָס זענען דערשינען לעצטנס אין ישראל.

געוויינלעך, מיטן עלטערן זיך, ווערט אַ מענטש אַלץ אָפּגעריסענער פון זיינע פּאַראינטערעסירונגען און טעטיקייט. ביי נ. פירער איז געשען פאַרקערט. מיט דער צייט האָט ער פאַרברייטערט די האָריזאָנטן, סיי אין מעשים, סיי גייסטיק און געזעלשאַפטלעך.

אַלס יינגער מענטש האָט ער זיין פרייע צייט געשענקט קודם כל דער משפחה, די עלטערן, ברידער און שוועסטער. ער איז געוואָרן דער ראש השבט פון די פירערס אין אַמעריקע. זיין הויז

איז געוואָרן דער צענטער פון דער פאַרצווייגטער פאַמיליע. באַלד נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט ניסן אָנגעהויבן צו זוכן די רעשטלעך פון דער משפחה אין אייראָפּע און יעדן באַזונדער געהאָלפן, מאַטעריעל און מאָראַליש. ער באַגניגנט זיך ניט מיט דעם און באַשליסט אָנהויבן אַ ווערק פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער לוצקער קהילה, שאַפט און שטייט בראש פון קאָמיטעט וואָס בויט דעם בית־קדושי לוצק אין בת־ים, גרינדעט אַ גמילות־חסדים קאַסע פאַר לוצקער לאַנדסלייט, גיט אַרויס אין דרוק דעם „ספר־לוצק״. און דעמלט באַשליסט ער פאַרברייטערן די ראַמען פון זיין טעטיקייט: ער ווערט נאָך אַ קורצער צייט איינער פון די גרינדער פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן און נעמט אַ אַ גרויסן אָנטייל אינעם אויפבויען דעם היכל־וואָלין.

ניסן פירער ווייסט קיינמאָל ניט וואָס הייסט זיין מיד און קעמפט פאַר דער רעאַליזירונג פון זיינע אידעען און פּראָיעקטן. ביז זיין לעצטן אָטעם ממש איז ער געווען איבערגעגעבן דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון פאַראייביקן דאָס לעבן און דעם עבר פון וואָלינער יידנטום. מיט זיין טויט האָט די משפחה פון נחום ווישקעווערס אייניקלעך און אוראייניקלעך פאַרלוירן דעם ראש השבט; די משפחה וואָלינער יידן אין דער וועלט האָט פאַרלוירן אַן איבערגעגעבענעם געטרייען זון.

נתן ליבנה: ניסן פירער איז געווען דער פאַקטישער גרינדער פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע און קאַנאַדע און איז געווען איר פרעזידענט ביז ער איז גערופן געוואָרן אין פמליא־של־מעלה — מיט דרייסיק טעג צוריק. כ׳פלעג זיך מיט אים טרעפן שטענדיק ווען ער איז געקומען קיין ישראל און נאָך מער האָב איך אים דערקענט פון זיינע צענדליקער יידיש־ליטעראַרישע בריוו צו מיר און צו די רעדאַקציע־חברים פון ילקוט. הגם ער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע יינגלווייז, 3 יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער דאָך געבליבן בתוך־תוכו מער וואָלינער ווי אַמעריקאַנער: פאָלקסטימלעך, פשוט און צניעותדיק אין זיין באַנעמען זיך צו מענטשן, אַ יידן־ליבהאָבער, וואָס מיר רופן אהבת־ישראל. און דאָס זענען דאָך געווען די מעלות און אייגנשאַפטן פון די מערהייט פון וואָלינער יידן, עמך און תלמידי־חכמים, אין משך פון דורות. מעלות וואָס האָבן איבערגעוויגן אַלע מענטשלעכע חסרונות. ניסן פירער איז בייגעשטאַנען דעם גרויסן נסיון פון „אַמעריקאַניזאַציע״, וואָס מיינט אויך אַסימילאַציע. אַ סך עמיגראַנטן, עלטערע פון אים, זענען דעם ניסיון ניט בייגעשטאַנען. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט אָפּהיטן דעם יידישן „צלם אל־קים״. ווייל אַ ייד אָן דעם איז געגליכן צו אַ בוים אָן וואָרצלען אומעטום ווו ער זאָל ניט זיין — פלעג ער טענהן.

ער האָט זיך זעלבסט געמוסרט הלמאי ער באַהערשט ניט גענוג עברית, כדי צו שעפן פון אַלטן קוואַל. זיין וואָרצלדיק יידישקייט האָט ער געשעפט פון דער יידישער ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פון שמ״ר און דינעזאָן און מענדעלע און שלום־עליכם ביז דער נייער צעצווייגטער יידישער ליטעראַטור אין דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אין אַלע גלות־לענדער. ער האָט אַלץ אויסגעזוכט און געוווּסט. און למען האמת: די יידישע, געזונטע פאָלקסטימלעכקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור אַ סך מער און שטאַרקער ווי אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור, אַפילו ביז היינט צו טאָג. יוצא מן הכלל איז אפשר ש״י עגנון, אָבער אויך ער האָט געשילדערט על־פי־רוב דאָס לעבן פון חסידים און תלמידי־חכמים בלויז. זלמן שניאור איז געווען אַ העברעישער דיכטער, אָבער אַ יידישער שרייבער.

לויט פירערן, האָבן אַ סך יידן אין אַמעריקע, בפרט פונעם עמיגראַציע דור, אַדורכגעלעבט אַ גייסטיקע טראַגעדיע; זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט דעם גייסט און לעבנס־חכמה פון דורות אין דער אַלטער היים און די טויערן פונעם אַמעריקאַנער גייסטיק און געזעלשאַפטלעך לעבן האָבן פאַר זיי זיך קוים געעפנט. זיי זענען כמעט ניט אָנגענומען געוואָרן. און פירער איז בטבע געווען אַן אומר ועושה. ער האָט געוווּסט ציען קאָנסעקווענצן: ער האָט געוואָלט בלייבן און איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ „פאַרברענטער״ וואָלינער ייד, מיט לייב־און־לעבן.

איז קיין ווונדער ניט וואָס גלייך נאָכדעם ווי ס׳באַוווּסט געוואָרן דער טרויעריקער סך־הכל פון נאַצישן מבול האָט פירער זיך אויפגעכאַפּט צו מעשים ווי חברים האָבן שוין דאָ דערציילט, און זיין גרעסטער אויפטו — אַ דאַך איבער אַלע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין גאַר דער וועלט — צוזאַמען מיט די ישראלדיקע חברים — כדי אויפטון עפּעס ממשות׳דיקס, צום אייביקן אָנדענק פון וואָלינער פאַרניכטעטן יידנטום. „כ׳האָב דעמלט אַ שטילן נדר געטון״, האָט ער מיר אַ מאָל געשריבן, „ווידמען מיין רעשט ביסל יאָרן דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער גרויסן אידעאַל״. ס׳ווערט געגרינדעט די וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע און ער — בראש.

דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז געקומען קיין ישראל האָבן מיר נאָך באַוויזן אַריינגעבן עטלעכע שורות לכבוד אים אין עברית־ילקוט וואָס האָט זיך שוין דע־

מלט געדרוקט. מיר האבן אים פארגלייכט צום ישראלדיקן אבטיחי.ביידע האבן געווידמעט זייער גאנצע צייט און ענערגיע צום, אזוי־גערופענעם, וואלינער אידעאל. ביידע זענען געווען אונדזערע מנהיגים און אונדזערע — שמשים. א. אז. וו. דאך איז געווען צווישן זיי אויך אן אונטערשיד. קודם־כל ווייל פירער האט געארבעט אין אן אנדער קאנטינענט. ער האט ניט נאר „גענארעט". ער האט אויך „געקויפט און פארקויפט". ווי למשל דאס יידל פון שלום אש וואס איז געפארן אף ירידן און פארקויפט בטחון.

ער האט אויך געוווסט אריינגעבן לעבן אינעם ענין. ער האט שנעל פארשטאנען ניט איבערחזרן שטענדיק וועגן „מאנומענט פאר א מיליאן אומגעקומענע יידן" א. אז. וו. ער האט פארשטאנען אז פון שטענדיק איבערחזרן אט די הייליקע ווערטער קאן זיך באקומען, חלילה, א מין צעבראכענע פאטעפאן־פליטע, א חילול־הקודש, חס־ושלום, און ער איז אריבער אף אנדערע פאסן: מאלן פאר די וואלינער יידן דאס לעבן פון זייערע עלטערן און עלטערנס עלטערן אף וואלינער ערד, און ניט נאר דערציילן וועגן זייער טויט. דאס איז אויך די סיבה וואס ער איז געווען א פארברענטער חסיד פונעם ילקוט ווהלין וואס באמיט זיך, ווירקלעך, ברענגען פון מאל צו מאל קאפיטלעך לעבן פונעם וואלינער יידנטום. ער אליין האט ניט געוואלט שרייבן א סך, טראץ זיין שיינעם, ליטעראַרישן יידיש און וואגיקע ווערטער. ער איז געווען שטאלץ זיין א רעדאקציע־חבר פונעם ילקוט און זייגע עצות און באמערקונגען פון דערווייטנס זענען שטענדיק געווען — אויב זיך באנוצן מיטן ישראלדיקן סלענג — בול! (אין סאמע פינטל). „כ'האב פיינט שנארערן", האט ער מיר א מאל געשריבן, „אבער פארן ילקוט בין איך גרייט ארויסגיין מיט א פאטשיילע אין ניו־יארקער גאסן". אבער דאס איז לטובת אונדז, דא אין אמעריקע, ווייל „אנעם ילקוט זענען מיר ווי א שיף אן רעדער". „לעולם בעט איך ניט קיין גרעסערע סומע ביי א יידן, איידער ער לייענט ניט איבער כאטש איין ילקוט. דעמלט גיי איך אף אן אייזערנעם בריק".

און אין א צווייטער בריוו זיינעם: „היינט האב איך געקראגן מיט לופטפאסט דעם ביי־עם יידישן ילקוט. ער האט מיר געבראכט א ווארימען גרוס פון אייך אלעמען און פונעם היכל. ווי א שוועלבעלע וואלט אנגעקלאפט אין דער פארפרווירענער שויב פון מיין פענצטער און מיר אנגעזאגט דעם פרילינג. א טייערער חלוץ וואס נאך אים וועלן געווי קומען אלע אנדערע..." דערמאנט עס ניט ביאליקס ערשטע ליד „אל הציפור"?

ניסן פירער ז"ל איז קודם־כל געווען א איש־מעשה, אבער ווער ס'האט אים געקאנט פון דער נאענט האט געוויס באמערקט אויך זיין פאעטישע נשמה. ער האט געגערט צו יענע פאעטן וואס פארשטיקן בכיוון זייער ליד אין זיך, מחמת צניעות און עניוות. אויך דערמיט האט ער זיך אידענטיפיצירט מיט וואלינער יידן.

## טרויער־אָוונט צו די שלושים פון ניסן פירער ז"ל אין ברוקלין

זונטיק, דעם 10טן דעצעמבער 1972, צו די שלושים פון פארשטארבענעם פרעזידענט פון דער וואלינער פעדעראציע אין אמעריקע נייטן פירער ז"ל, האבן מיר דא דורכגעפירט א טרויער פארזאמלונג געווידמעט זיין אנדענק. ס'האבן אנטייל גענומען הרב פראפ. משה צוקער (פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר), חזן מאיר ברוך גיטעלמאן, ה"ה יחיאל דאבעקירער און ריימאנד געבינער א. אנ.* ס'איז געגאנגען א גאס־רעגן, אבער דאס האט ניט געשטערט אונדזערע וואלינער קומען באערן דעם אנדענק פון נ. פירער ז"ל.

פירער — כשמו כן היה. פירער פון דער וואלינער פעדעראציע דא, וואס מיינט אויך פירער פון אלע וואלינער לאנדסמאנשאפטן וואס זענען אין אמעריקע ניט ווייניק אין צאל, איז קיין רבותא ניט וואס מיר טרויערן נאך אים, ווייל ער פעלט אונדז אזוי אויס... ער איז אויך געווען א לאנגיאריקער טוער אין ארבעטער־רינג, היאס און פאר ישראל אף אלע געביטן. ער איז אויך געווען מיטגליד פון קאטערס לאקאל אין דער אמאלגעמייטעד קל. וו. יוניאן. מיט עטלעכע יאר צוריק האט דער ברוקלינער מידווווד ברענטש 1052—א באערט פירערן מיט א גאלדענער שפילקע פאר זיין אקטיוויטעט אין א. ר. איבער 50 יאר און זיין פרוי אסתר — פאר 25 יאר.

געוויס איז שוין געשריבן און דערציילט געווארן וועגן אלע אנדערע אונטערנעמונגען אין וועלכע ער איז געשטאנען בראש ווי „ספר לוצק", „בית התרבות ע"ש קדושי לוצק" אין בת־ים, הילפס־קאמיטעט פאר געראטעוועטע

(סוף אף זייט 25)

* לײדער ווערן אין בריוו ניט אנגעגעבן אויסצוגן פון זייערע רייד — רעדאקציע.

נתן ליבנה

# חשבון־הנפש

אַקטיוויסטן אין אונדזער וועלט־פאַרבאַנד דאַרפן זיך אַ ביסל פאַרטראַכטן וועגן הווה און עתיד פון וואָלינער יידן אין גאַר דער וועלט.

דער דור יידן, וואָס האָבן זיך עגעבן הענט פאַראייביקן עבר און אָנדענק פון וואָלינער אומגעקומען יידנטום און חרובע קהילות דורך אויפבויען דעם היכל אין ישראל, דורך ארויסגעבן יזכור־ספרים, פלאַנצן וועלדלעך, אויפשטעלן מצבות א. אַז. וו. — עלטערן זיך, צו לאַנגע יאָרן. קיין יינגערע קומען לײדער ניט צו. דער צווייטער דור, געבוירענע ווייט פון וואָלין, אומעטום, ווייזן לײדער ניט אַרויס קיין שום חשק ממשיך זיין אָט די ווערטן און ווערק פון זייערע עלטערן. איז מאי קא משמע לן אַזאַ עתיד? וואָס לאָזט ער אונדז צו הערן?

דער סך־הכל איז „אם אין אני לי מי לי". אויב מיר וועלן ניט אַרויסענדיקן אונדזער ווערק און אים ניט געבן אַ ממשותדיקן און גייסטיקן אינהאַלט וועט עס קיינער פאַר אונדז ניט טון און „אם לא עכשיו — אימתי?" אויב ניט איצט — איז ווען? ווען יעדער איינער פון אונדז וועט טאַקע דערציען, ב"ה, ביז הונדערט־און־צוואַנציק און ערשט דעמלט אָנהויבן?

דאָס איז כמעט די אַלגעמיינע תשובה פון עטלעכע צענדליקער וואָלינער יידן, וואָס האָבן באַוויליקט ענטפערן אויף אָט דער פראַגע. אַ מין פאָלקס־אַנקעטע אין קליינעם פאָרמאַט.

איז, לאָמיר אָננעמען אַז מיט סייעתא דשמיא און מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען, האָבן מיר סוף־סוף אויסגעענדיקט דעם היכל. דעם אולם ההתיחדות און אוידיטאָריום־זאַל. הכל־בכל. איז וואָס ווייטער? ווי לאַנג וועלן אונדז די אייזן־בעטאָן ווענט, מיט אַלע שילדלעך אַף זיי, דערציילן די געשיכטע פון וואָלינער יידנטום וואָס מיר ווילן אַזוי, פאַראייביקן? און צי קאָנען בכלל ווענט־און־מויערן דערציילן געשיכטע? אפשר „הערן זיך איין" צו זייערע דערציילונגען יידן וואָלינער וואָס גערדיינקען און האָבן דורכגעלעבט אָט די געשיכטע אַף זייער אייגענער הויט, אָבער צי וועלן די ווענט „רעדן" אויך צו די קומענדיקע דורות? אַ גרויסער ספק. „אָט ווענט ווי אַלע אַנדערע ווענט", זאָגט שוין דער צווייטער דור. ניט די וואַנט רעדט צו זיי, ניט זיי ווילן רעדן צו דער וואַנט.

הייסט עס, אַז עפּעס וועט פעלן אויך נאָכן ענדיקן דעם היכל. עפּעס רוחניות, וואָס זאָל אָנפילן דעם היכל און אים באַרעכטיקן. אים אויפהאַלטן ביים לעבן. בבחינת „כי מציון תצא תורה". כדי די תורה זאָל ווירקלעך אַרויסשפרודלען מוז דאָך עקזיסטירן ערגעץ־ווו דער קוואַל — ציון. און ציון איז קודם־כל — כדי ס'זאָל פון איר אַרויס די תורה. הא בהא תליא. געקנופּט־און־געבונדן. דער היכל איז אַלזאָ געגליכן צו ציון. אם כן, ווו איז די תורה? און וועלכע תורה דאַרף אַרויס פון היכל כדי בײדע זאָלן ווערן איינהייט — גוף און נשמה?

איז וואָס טוט דער ריבונו־של־עולם? פונקט ווי ס'האָבן זיך געפונען וואָלינער יידן, חסידים ואנשי־מעשה, מענטשן רעאַליסטן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער עבודת־הקודש פונעם בויען דעם היכל, אַזוי געפונען זיך אויך יידן וואָס זענען מער נוטה זיך פאַרנעמען מיט ענייני פון רוחניות. וואָס אמת, אַ סך ווייניקער אין צאָל, כן ירבו.

איז זענען זיך צענויפגעקומען אַזעלכע יידן אַף אַ קליינער אסיפה, כדי צו רעדן דברי־תורה. כ'הייסט וועגן „גייסטיקן תכלית". ווי ס'פּאַסט פאַר יידן תלמידי־חכמים.

אין אמתן הויבט זיך אָן די געשיכטע פון זעליגן אבטיחי ע"ה. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק לאָזן שרייבן און פאַרעפנטלעכן אַן ענציקלאָפּעדיע וועגן יידישע פערזענלעכקייטן אין וואָלין: צדיקים, רבנים, דיכטער־שריפטשטעלער־קינסטלער, עסקנים א. אַז. וו.; עמיצער האָט געוואָרפן אַף אָט דער קליינער אַסיפה די לאָזונג: „שרייבן די געשיכטע פון וואָלינער יידנטום. ממצרים ועד הנה. פון אָנהויב־אָן יידיש לעבן אין וואָלינער סטעפּעס ביז היינט־צו־טאָג ממש. וועגן גרינדער פון אונדזער וועלט־פאַרבאַנד און די בויער פון היכל איינשליסלעך". דער גורל איז אָבער געפאַלן נאָך אַ קורצן וויכוח אַף דער נויטווענדיקייט אַרויסגעבן אַ ווערק פון עטלעכע בענדער, צוערשט אין עברית, אונטערן נאָמען „ספר קהילות וֹוהלין", אין וועלכן ס'זאָל קומען צום אוידרוק די פולע געשיכטע פון יעדער וואָלינער קהילה, אויך די קלענסטע שבקלענסטע, היינו דאָרפישע

קהילות. ווייל נאָר אַזאַ ווערק קאָן אָפּשפּיגלען, לדורות, דאָס אַלגעמיינע לעבן אין די קהילות, סיי פּערזענלעכקייטן סיי פּשוטי־עם — די גרויסע מערהייט ערלעכע האָרעפּאַשנע מענטשן מיט וועלכע דאָס וואָלינער יידנטום איז געווען אַזוי פול.

אַלזאָ אַ גרויסע ערנסטע אַרבעט וועגן וואָלינער יידנטום, וואָס די אַלע יזכור־ספרים וועגן וואָלינער קהילות וואָס זענען דערשינען ביז איצט האָבן לײדער ניט מצליח געווען דאָס אַרויסברענגען בשלמות. קודם־כל דערפאַר ווייל די גרויסע מערהייט קהילות האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט ביז איצט אַרויסגעבן אַזעלכע ספרים, און אויך די וואָס האָבן זוכה געווען אַרויסגעבן ספרים — ניט אַלעמען איז געלונגען אַרויסברענגען פולע ערנסטע באַשרייבונגען צוליב איינגן פאַרנעם און לאָקאַלע באַגרעניצונגען. און צוליב מאַנגל אין היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן וואָלינער יידנטום בכלל. אַ יוצא מן הכלל איז די תקופה פון נאַציִשן חורבן, דערציילט פון די זיך געראַטעוועטע שרידים און פאַרטיזאַנער. אָבער, ווי שוין דערמאָנט, בלויז פון אַ טייל קהילות.

אונדזערע וואָלינער עלטערן זענען בטבע געווען יידן מאמינים. זיי האָבן געגלויבט אין עולם־הבא, אין ביאת המשיח, אין נסים. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער „פּאַפּירענער בריק" אַף וועלכן ס׳גייען און ס׳וועלן גיין צדיקים איז אויסהאַלטנדיקער און דויערנדיקער פון „אייזערנעם בריק פון רשעים" וואָס ברעכט זיך גלייך אונטער זייערע פיס. אפשר דערפאַר ווייל זיי האָבן קיין גרויסע נכסים „פון שטאָל און אייזן" קיינמאָל ניט פאַרמאָגט און זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די קרנות המזבח פון רוחניות. פון גייסט. געזוכט גאָטס לעבעדיק וואָרט, ווי ס׳קומט געוויינלעך צום אויסדרוק ערגעץ אין די „קליינע אותי׳לעך", די באַוווּסטע רש״י־אותי׳לעך — געדרוקט אַף די גרויסע גמרא־בלעטער.

צום גרויס באַוווּנדערן, דאָס איז אויך אַ היסטאָרישער באַוויזענער אמת. געבליבן לדורות ווי אַ כוח־משפיע פון די אַלטע צייטן איז נאָר דאָס לעבעדיקע וואָרט. ניט נאָר פון אונדזערע נביאים, אויך פון די גייסטער פון די אומות העולם — אין קעגנזאַץ פון די אַזוי פיל באַרימטע מויערן און פּאַלאַצן פון די אַלטע צייטן וואָס אַלס זכר פון זיי זענען געבליבן בלויז די פּיראַמידן און די כינעזישע וואַנט. און עטלעכע חורבות. געבליבן — אָן שום גייסטיקער השפעה (דער כותל מערבי איז אַן אויסנאַם, אַלס זכר למקדש און טויזנטער־יאָריקע האָפענונג פון פאָלק ישראל).

ס׳הייסט אָבער ניט אַז עמיצער קומט מבטל מאַכן אונדזער שאַפונג, אויפגעשטעלט מיט אונדזערע אייגענע כוחות אָן וועלכע ס׳איז זייטיקער הילף — דעם היכל וואָלין. אדרבא דער היכל איז געווען אַ נויטיקע באַדערפעניש און אַ מיטל צו אונדזער ציל — דאָס פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום. דער היכל — משמע אונדזער אכסניה של תורה. די תורה — די געשיכטע פון פאַרצווייגטן וואָלינער יידנטום וואָס איז ניטאָ מער און פון אַ סך צענדליקער חרובע יידישע קהילות — וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן.

דאָס איז כלל ניט קיין לייכטע אויפגאַבע. מיר וואָלינער זענען אפשר צו מיד כדי צו נעמען אַף זיך אַזאַ שווערע משא, וואָס איז למען האמת מער פּאַסיק פאַר אַ מלוכהשן קולטור־אַנשטאַלט. אָבער, אַז מיר מוזן „געבן אַ פּלייצע" כדי אָט די משא אויפהייבן — דאָס איז קלאָר. נאָר אונדזער דור קאָן האָבן דעם געהעריקן קאָנטראָל אַף אַזאַ שאַפונג.

אויב מיר וועלן ניט לייגן, לכל הפחות די י ס ו ד ו ת, פאַר אָט דער שאַפונג — ווער ווייסט אויב ס׳וועט ניט בלייבן אַ ווונטש וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. אַ חלום.

און אין אונדזער אכסניה של תורה, אין היכל וואָלין, וועט זיך חלילה שאַפן מיט דער צייט אַ ליידיקער חלל. עפּעס ווי אַ ליכטל וואָס צאַנקט און האַלט ביים אויסגיין.

דאָס איז ניט דווקא אַ טרויעריקער חשבון־הנפש. אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יצירה און בויען ברענגט מיט זיך, געוויס, געבוירנווייען, אָבער כמעט תמיד אויך שאַפונגספרייד.

איז על כן כדאי מיר זאָלן זיך איינהערן צום רוף פון די „אנשי האסיפה הקטנה" און זיך ערנסט פאַרטראַכטן איבער דעם.

# קהילות

יעקב עלבירט

# פראַנץ קאַזאַק – חסיד אומות־העולם פון לויצק

(המשך פון ילקוט נומער 30)

סוף 1943. די דייטשישע פאַרניכטונג־מאַשין קעגן יידן האָט נאָך אַלץ געאַרבעט מיטן פולן אימפעט. דער מצב פון די ווייניק־איבערגעבליבענע יידן אין וואָלינער שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אין גרובן איז געווען ספּעציעל שווער, צוליב דער התלהבות־דיקער מיטאַרבעט פון אוקריינער. פונקט ווי מיר האָבן „גליקלעכע" יידן זיך באַהאַלטן טיף אין די נאָרעס, אָבער ניט ווי מיר האָבן זיי זיך באַהאַלטן סיי בייטאָג סיי ביינאַכט.

מיר זענען געווען דעמלט אַ גרופּע פון פינף לוצקער יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מאַלינע אין פאַלוואַרק פון פראַנץ קאַזאַקס שוועסטער און שוואָגער. אין פראַנצ׳ס זכות, פאַרשטייט זיך. ס׳זענען צו אונדז דערגאַנגען שרעקלעכע ידיעות וועגן באַהאַלטענע יידן וואָס זענען געפונען געוואָרן דורך דייטשן און אוקריינער און ס׳האָט אַף אונדז געברענט די הויט פון שרעק. אונדזערע אויגן האָבן כמעט ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין, דערפאַר אָבער האָט זיך פאַרשאַרפט אונדזער חוש־השמיעה פון שטענדיקן איינהערן זיך צו יעדן גערויש אין דרויסן.

ויהי היום — און מיר האָבן דערהערט ווי עמיצער דאָרט לויפט אינדרויסן און שרייט און רופט אונדז ביי אונדזערע נעמען. ער האָט אונדז גערופן מיר זאָלן קומען אים ראַטעווען. מיר זענען אַוודאי געוואָרן טויט־בלאַס (סתם בלאַס זענען מיר געווען די גאַנצע צייט). מיר האָבן געהערט אַ שיסעריי און ווי ער פאַלט אַנידער. מיר האָבן דערקענט זיין שטימע. ס׳איז געווען אַ לוצקער ייד מיטן נאָמען מאַנדעלמאַן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ טשעך. ער איז דערשאָסן געוואָרן ניט ווייט פון אונדזער מקום מקלט. די דייטשן האָבן ניט געוווסט פאַרוואָס ער לויפט אין אונדזער ריכטונג.

טשעכן אין דאָרף וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן האָבן געלעבט אין פחד. אויך אונדזערע אַפּוטרופּסים האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און אונדז געבעטן זיך אָפּטראָגן פון זיי וואָס שנעלער אין דער חשכות פון שפּעטער נאַכט. מיר זענען געווען ממש אָן כוחות, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן באַפרייען אונדזערע מושיעים פון דער סכנה פון אַ זיכערן טויט, אין פאַל ווען מ׳וועט אונדז געפונען אין זייער שטח. מיר האָבן זיי נאָר געבעטן מודיע זיין קאָזאַקן, אַז מיר זענען ווידער נע־ונד. אפשר וועט ער אויסגעפונען אַ נייעם מקום פאַר אונדז. און ווירקלעך, באַלד פאַרטאָג איז אַוועק אונדזער באַלעבאָס צו קאָזאַקן. ער האָט אונדז געבראַכט קאָזאַקס עצה מיר זאָלן אין דער זעלבער נאַכט, איינס אַ זייגער, זיך לאָזן מיטן ראָוונער שאָסיי, אַ פינף קילאָמעטער, צו אַ פאַרלאָזענער סטאָדאָלע און זיך דאָרט באַהאַלטן ביז ער וועט אויסגעפונען פאַר אונדז אַ נייעם פּלאַץ. מיר האָבן די סטאָדאָלע גוט געקענט. מיט אַ צייט צוריק זענען דאָרט געכאַפּט געוואָרן אברהם קלעפּאַטש און זיין זון הערשל.

דער באַלעבאָס האָט אונדז געגעבן צידה לדרך. עטלעכע לאַבנס ברויט מיט 5 פלאַשן מילך. ער האָט זיך מיט אונדז פריינטלעך געזעגנט און אונדז געלערנט ווי אַזוי אויסמיידן אַפן וועג אוקריינער אָדער דייטשן. פון זיינע אינסטרוקציעס איז אַ קעלט אַדורך אין אונדזערע קראַנקעביינער און דער פחד איז מוראדיק געוואָקסן. צום סוף האָט ער אונדז דערלאַנגט אַ קאָנווערט מיט פאַפּירן־געלט פאַר 5 רובל גאָלד, וואָס קאָזאַק האָט פאַר אונדז אויסטוישט.

מיר האָבן זיך צעטיילט מיט די עטלעכע בגדים און עסנוואַרג, אַ קשיא אַף אַ מעשה. אפשר וועלן מיר זיך פאַרלירן אין דער פינצטערניש. מיר האָבן „פאַרמאָגט" אַ 200 קילאָ עפּל וואָס מיר האָבן מיט וואָכן צוריק אָנגעגנבעט אין די אַרומיקע גאָרטנס. מיטנעמען זיי מיט זיך איז געווען אונמעגלעך. איבערלאָזן זיי אין דער מאַלינע — וואָלטן מיר דאָך געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט ווי קליינע גנבים. דאָס וואָלט דאָך אויך געוויס געגאַנגען אַף קאָזאַקס חשבון. ער וואָלט אַוודאי געוואָרן צו

חוזק... מיר האָבן אַלזאָ באַגראָבן די עפּל אונטער אונדזערע געלעגערס!

מיר האָבן געעפנט דעם קאָנווערט כדי זיך צעטיילן אויך מיטן ביסל געלט, און אָט האָבן מיר דאָרט געפונען אויך אַ קורץ בריוול פון קאָזאַקן, בערך בזה הלשון: „דאָס איז אַ באַפעל פון מיר. רירט זיך ניט פון אָרט. איר וועט ניט באַוויזן אויפעסן דאָס ברויט און די מילך — און איך וועל זיין ביי אייך. פאַרמאַסקירט די מאַלינע אַזוי, אַז אויך מיין שוואָגער זאָל מיינען אַז איר האָט אים באמת פאַרלאָזט. זאָרגט ניט ווייל איך זאָרג פאַר אייך און גאָט וועט העלפן”.

מיר האָבן ווי פאַרלוירן דאָס לשון. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן ווי מיר וואָלטן זיך ערשט דערקענט. דערנאָך האָבן מיר אַלע פינף אויסגעבראָכן אין אַ ספּאָנטאַנעם געוויין. נאָר וואָס האָבן מיר רעזיגנירט. זיך געווונטשן — אַז אויב טויט, זאָל ער קומען וואָס שנעלער און ניט אַריינפאַלן אין די דייטשישעחיהשע לאַפּעס. ס׳האָט זיך אין אונדז דערוועקט אַ פרישער קוואַל פון חשק צו לעבן. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר באמת געזען אין קאָזאַקן אַ מלאך בצורת אדם...

מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער פרייליכער ידיעה וועגן צוריקטרעטן פון די דייטשן און אַז דער פראָנט איז שוין אין דער זשיטאָמירער געגענט. אפשר? ווער ווייסט...

אויפן דריטן טאָג האָבן מיר דערהערט קאָזאַקס שטימע נעבן אונדזער מאַלינע. ער האָט גערעדט הויך אַף אַ קול מיט זיין שוואָגער אַז מיר זאָלן אים הערן. ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט אונדז געזוכט און ניט געקענט געפונען. ווייזט אויס אַז מיר זענען צו דער סטאָדאָלע קיינמאָל ניט דערגאַנגען... ווער ווייסט וואָס ס׳מיט אונדז געשען. דער פראָנט איז שוין ביי בערדיטשעוו און די סאָוועטן וועלן געוויס אין עטלעכע טעג אַרום באַפרייען די געגענט. און ווייל די דייטשן האָבן מער אין דאָרף ניט געזוכט, איז פרעגט אים קאָזאַק צי האָט ער ניט קיין חרטה הלמאי ער האָט אונדז געהייסן גיין, נאָכדעם ווי ער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט... און ווי נאָר זיין שוואָגער האָט ווירקלעך אַרויסגעוויזן חרטה, האָט קאָזאַק אונדז באַפוילן עפענען די מאַלינע... אונדזער באַלעבאָס איז נשתומם געוואָרן. ממש געבליבן שטיין אַ פאַרשטוינטער.

דעם 4טן פעברואַר 1944 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן. קאָן נאָך זיין אַ גרעסערע שמחה פון אונדזערער? דאָך האָט זיך קאָזאַק מיט זיין פרוי און 3 קינדער געפרייט מיט דער באַפרייונג מער ווי די עטלעכע און צוואַנציק יידן וואָס ער האָט געראַטעוועט. זייער שמחה איז געווען אין לשער. ליידער האָט זייער פרייד לאַנג ניט געדויערט. אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

חיים ליבנה

# דאָרפישע זכרונות

מ אָ ס ט י  איז געווען אַ פוילישער דאָרף. בערך 15 קילאָמעטער אונטער שומסק, פון צפוןזייט. דאָס איז געווען כמעט אַן איינזאַם אינדזל אין אַ „ים” פון אוקריינישע דערפער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. קיין הייסע ליבע צווישן אוקריינער און פּאָליאַקן איז קיינמאָל ניט געווען. און דערפאַר טאַקי איז מאָסטי געווען פאַר אונדז יידן אַ מין וווּנדער.

אַ ביסל ווייטער פון אַלע אַנדערע הייזער פון דאָרף, איז געשטאַנען אַ גרויסע דאָרפישע געביידע פון האָלץ, מיט אַ שטרויענעם דאַך און קליינע פענצטערלעך. אין אמתן איז עס געווען אַ הויז ווי אַלע אַנדערע הייזער אין דאָרף, מיטן איינציקן אונטערשיד וואָס אין אַלע איינגאַנגען זענען געווען אָנגעקלאַפּט מזוזות... באַרג אַראָפּ אונטערן הויז האָט זיך געצויגן אַ גרויסער סאָד מיט פרוכט־ביימער און אַן אייגענער קוואַל וואַסער פון וועלכן מ׳האָט געשעפּט די קילע, טייערע „משקה” וואָס האָט געקלעקט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. קעגנאיבער דעם הויז, אין הויף, זענען געווען די שייערן, שטאַלן א. אַז. וו. אַ גאַנצע טשערעדע בהמות און קעלבלעך זענען דאָרטן „איינגעשטאַנען” און פון זיי האָט מען געצויגן די עיקר־פרנסה. גרויסע, בייזע הינט אַף קייטן האָבן מיט הינטעשער איבערגעגעבנקייט גוט אָפּגעהיט דעם מאַיאָנטעק...

ניין נפשות האָט געציילט די יידישע דאָרפישע משפחה וואָס האָט דאָרטן געוווינט. אייגנטלעך זענען זיי געווען 2 משפחות: אַ פאַרפאָלק מיט זייערע 3 קינדער און אַ שוועסטער

אַן אַלמנה מיט 2 קינדער און אַן עלטערע מוטער — אַ באָבע. אין שומסק האָט מען כמעט ניט געוווּסט ווי אַזוי זיי הייסן און מ׳האָט זיי גערופן „די פּאַציוקעס״, אַ צונאָמען אַזאַ פאַר פאַרגרעבטע, דאָרפישע יידן. יידן אין שומסק וואָס האָבן אַפּגעהיט כשרות האָבן ניט געטרינקען קיין אַנדערע מילך און ניט געגעסן קיין אַנדער פּוטער־סמעטענע־קעז, נאָר די פון די פּאַציוקעס, וואָס הגם זיי זענען געווען פּשוטע יידן, האָבן זיי שטאַרק מקפיד געווען אַז אַלץ זאָל זיין כשר למהדרין.

אין שטוב פון די „פּאַציוקעס״ האָט שטענדיק געשמעקט מיט מילך און פרישע קעז מיט פּוטער. דער „סעפּעראַטער״, די מאַשין וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די סמעטענע פון דער מילך און זויערמילך האָט ניט אויפגעהערט צו זשומען אַ גאַנצן טאָג. דער מאָטאָר פון דער מאַשין איז געווען געמאַכט, פאַרשטייט זיך, פון מענטשלעכע הענט... די הענט פון דער באָבען, בעיקר. די אַנדערע צוויי פרויען האָבן גאַנצע טעג געגרייט פרעסן פאַר די בהמות און, להבדיל, פאַר די בני בית. געקאָכט און געבאַקן, גערוימט און געוואַשן. דער פאָטער איז געווען באַשעפטיקט בעיקר אין פעלד וואָס האָט געהערט צו דער פאַמיליע. דאָס איז געווען אַ זאַמדיקער, שלעכטער באָדן, וואָס האָט דאָך אַרויסגעגעבן קאָרן און רעטשקע און נאָך תבואות, און פלעג פירן פאַרקויפן די סחורה. די קינדער האָבן געפּאַשעט די בהמות. די 3 זין און 2 טעכטער פלעגן אויפשטיין יעדן טאָג קאַיאָר, און גיין מיט די בהמות אַף דער פּאַשע; פלעגן זיך צוריקקערן מיטיק־צייט, עסן און רוען אַ פּאָר שעה און גיין ווייטער מיט דער טשערעדע ביז פינצטער. זיי האָבן זייער שווער געאַרבעט!

ווען ס׳איז אָנגעקומען שניטצייט פלעגן אַלע בני־בית אָן אויסנאַם גיין אין פעלד אַריין. שניידן די רעטשקע אָדער דעם קאָרן. איך אויך בתוכם, פאַרשטייט זיך. איך האָב זיך שנעל אויסגעלערנט שניידן מיט דער קאָסע און ליב געהאַט די אַרבעט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס שטיי איך און שנייד אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל... כ׳האָב געשניטן מיט אַלע כוחות און געווען אין זיבנטן הימל!

ווי קום איך צו די „פּאַציוקעס״? זיי האָבן מיך געדינגען אַף די זומער־חדשים, ווען איך בין געווען פריי פון לערנען, כדי לערנען זייערע קינדער לייענען און שרייבן, „כדי זיי זאָלן קענען דאַווענען״. ווי ס׳האָבן זיך געבעטן זייערע עלטערן. איך אַליין בין אַלט געווען דעמלט 13 יאָר, אין איין אַלטער פון מיינע תלמידים. זיי האָבן מיך גערופן רבי, מיט שאַרפן „ריש״ וואָס האָט מיך שטענדיק אויפגעציטערט. „און וואָס וועט זיין אַז מיינע חברים אין שומסק וועלן זיך דערוויסן אַז זיי רופן מיך רבי?״ פלעג איך זיך דערשרעקן פאַר זיך אַליין. אָבער וויפל כ׳האָב זיך ביי זיי געבעטן זיי זאָלן מיך רופן פּשוט, חיים, האָט ניט געהאָלפן, דווקא רבי. און דווקא מיטן ריש.

קיין גרויסע למדנים זענען מיינע תלמידים פון מיר ניט געוואָרן. געלערנט האָב איך זיי ביי טאָג, ווען זיי פלעגן קומען פון דער פּאַשע. זיי זענען שטענדיק, נאָכן עסן, געווען מיד. געגעניצט. די היץ איז געווען גרויס. די פליגן — ווי אַן היישעריק, און דו זיי אַ חכם און לערן זיי לייענען און שרייבן... אָבער חברישקייט האָט געהערשט צווישן אונדז, און נאָך ווי אַזוי! און בפרט אַז איינע פון מיינע שילערינס איז געווען אַ מיידל, אין מיינע יאָרן, אַ יפה־פיה. אינעם גרויסן כרך שומסק געדענק איך ניט איך זאָל האָבן באַגעגנט אַזאַ קראַסאַוויצע... נאָך מיטיק פלעג איך גיין פּאַשען צוזאַמען מיט זיי. דעמלט האָב איך געוווּסט אַז איך לעב אַף דער וועלט. ס׳געווען אַ חיות.

די געגנט איז געווען שיין ביז גאָר. אַף אַלע אַרומיקע בערגלעך — סאָסנע־וועלדער; פעלדער און לאָנקעס — ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט נאָר. אָט די לאָנקעס — מער ווי אַ האַלב יאָר זענען זיי אונטערן וואַסער און זומער זענען זיי גרין, דאָס גראָז — הויך. ס׳וועט קיינמאָל ניט ווייניקער. אַ ווונדערבאַרע פּאַשע פאַר בהמות.

אָפטמאָל פלעג איך בלייבן אויך אַף שבת. דער סעפּעראַטאָר האָט שבת ניט געאַרבעט. אַף דער פּאַשע איז מען געגאַנגען בלויז אַף עטלעכע שעה. דער שבת האָט זיך דאָ אָנגעזען אפשר מער ווי אין שטאָט. אַ סך שבת־ליכט. אַ שניי־ווייסער סערוועט אָפן טיש. פיש און פלייש כיד המלך. די שבת המלכה האָט דאָ געקעניגט... און עפּעס אויך דער דרויסן פלעג זיך אָנטון שבתדיק. דער דרויסן פון אַן איינזאַמער יידישער שטוב אין די וואָלינער סטעפּעס.

אַף ימים נוראים פלעגן די פּאַציוקעס אַריבערפאָרן אין דאָרף אַנטאָנאָוויטש, וווּ ס׳זענען געווען עטלעכע מניינים יידישע משפחות. דאָס איז שוין געווען אַן אַנטוויקלטער יידישער ישוב. איך האָב דאָרטן באַזוכט מיינע תלמידים־חברים, אָבער גענויע פּרטים וועגן יידישן ישוב אין אַנטאָנאָוויטש ווייס איך ניט. אַ שאָד. דערציילט האָט מען מיר אַמאָל אַז ס׳איז געווען גאָר אַ זעלטענער „יידישער״ דאָרף מיט אַן אייגנאַרטיקן יידישן לעבן.

# הושענות און הקפות מיט צאַרישע אַפּיצירן

יעקב בר־מידות

געווען איז עס אין די יאָרן פונעם ערשטן וועלט־קריג. דער רוסיש־דייטשישער פראָנט איז דערגאַנגען ביזן סטיר. קאָוועל איז שוין געווען פאַרנומען פון די דייטשן. די יידישע באַפעלקערונג, בפרט פון די קליינע שטעטלעך, האָט געלעבט אין פחד. מער פאַר די סאָלדאַטן ווי פאַר דער מלחמה גופא. קיין עראָפּלאַנען וואָס זאָלן באָמבאַרדירן די ציווילע באַפעלקערונג און די אַלע אַנדערע מאָדערנע כלי־זין זענען נאָך דעמלט ניט געווען. אָבער פאַר די צוריקציענדיקע זיך רוסישע סאָלדאַטן, פאַרביטערטע און פאַרלייזיקטע, האָט מען געציטערט ווי פאַרן מלאך המוות. אַף די עסטרייך־דייטשישע זעלנער האָבן יידן אַרויסגעקוקט ווי אָפּן מלאך־המושיע, ווייל די רוסישע סאָלדאַטן, דערצויגן אַף לאַנגיאָריקער אַנטיסעמיטישער העצע, אַז יידן זענען שפּיאָנען, באַהאַלטן שפּייז־פּראָדוקטן א. אַז. וו. — האָבן זייער צאָרן פאַר זייערע מפּלות אויסגעלאָזט אַף יידישע קעפּ: גערויבעוועט, געגזלט, געשלאָגן און פאַרגוואַלטיקט...

ס'זענען געווען געגנטן פון וועלכע מ'האָט יידן פאַרטריבן אין טיף־רוסלאַנד. אונדז האָט מען ניט פאַרשיקט. אָבער וואָס מער דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, האָבן זיך יידן פאַרשלאָסן אין זייערע הייזער. ס'האָבן זיך צוריקגעצויגן גאַנצע דיוויזיעס. פאַר יידן זענען זיי געווען ווי הונגעריקע סטאַדעס וועלף, הגם אין אַלגעמיין האָט געהערשט אין דער רוסישער אַרמיי אַ שטרענגע דיסציפּלין. אָבער יידן, ווי געזאָגט, זענען געווען הפקר. בבחינת יד כל בו. אַפילו איין באַוואָפנטער סאָלדאַט האָט געקאָנט באַפאַלן און אומגליקלעך מאַכן... די איינציקע ישועה איז געווען ווען דאָס מיליטער האָט געמוזט צוריקלויפן בליץ־שנעל, איילנדיק זיך. דעמלט האָבן יידן פשוט זיך אויסבאַהאַלטן מיטן ביסל ווערט־זאַכן אַף עטלעכע שעה ביז די צרה, ס'הייסט דאָס מיליטער, איז אַריבער און מ'האָט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. ערגער איז געווען אין די מקומות ווו דאָס מיליטער, צוריקציענדיק זיך פון פראָנט, האָט זיך באַזעצט אַף אַ לענגערער צייט..

מיר האָבן דעמלט געוווינט אין אַ קליין שטעטעלע, אַ יידישע קאָלאָניע, מיטן נאָמען אָליזערקע, צווישן וולאַדימערעץ און ראַפּאַלאָווקע. פון יענע יידישע קאָלאָניעס וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן בימי ניקאָלאַי דעם ערשטן, כדי פּראָדוקטיוויזירן יידן. מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין אָליזערקע פון אָליעווסק אין 1913 (תרע"ג). מיין פאָטער, הרב מרדכי בער ווייסבלאַט זצ"ל, איז אַנגענומען געוואָרן אַלס דיין



הרב ר' מרדכי־בער ווייסבלאַט ז"ל

אין שטעטל. ס'האָבן דאָרט געוווינט בערך 150 (יידישע) פאַמיליעס. די הייזער — לענג אויס דער איינציקער לאַנגער גאַס. הינטער זיי, פון ביידע זייטן גאַס — די גרויסע, ברייטע פעלדער. פרומע, פלייסיקע — האָרעפּאַשנע יידן. בעלי־מלאכות. די מערהייט פון זיי מוליאַרעס. זומערצייט האָבן זיי געבויט הייזער אין ראָוונע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ווינטער האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט שטוב־אַרבעט. דער

איינציקער גוי אין שטעטל איז געווען דער מאָנאָפּאָל־אייגנטימער צו פאַרקויפן יי״ש, אַ פרנסה וואָס איז געווען פאַרבאָטן פאַר יידן אין די צאַרישע צייטן.

ויהי היום, צווישן די ימים־טובים אין 1915 — און טויזנטער רוסישע סאָלדאַטן האָבן אַריינמאַרשירט אין שטעטל און זיך באַזעצט ניט נאָר אין אַלע קליינע יידישע הייזלעך, נאָר אויך אין דער איינציקער שול אין מיטן שטעטל און וווּ ס'נאָר געווען אַ פלאַץ צו שלאָפן. גרעסערע און קלענערע אָפיצירן האָבן זיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג זוכנדיק נאָך מקום־מנוחה'ס.. זיך געגרייט ממש דאָ באַזעצן. דאָס עסטרייך־דייטשישע מיליטער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים קליינעם סטיר.

און אָט האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון הושענא רבה. מיין פאָטער האָט דעמלט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין פאָטער — מיין זיידן ר' יעקב ע״ה. איז, ס'טייטש, אין אַזאַ טאָג ניט דאַווענען פאַרן עמוד, אַ רב בישראל אין יענע צייטן? די יידן אין שטעטל זענען געווען זייער פאַרזאָרגט. וווּ וועלן זיי דאַווענען הושענא רבה און שמחת תורה? און וואָס וועט זיין מיט די הקפות? און וואָס וועט זיין מיטן דיין, וואָס האָט יאָרצייט אין דעם טאָג?

אַ טאָג פאַר הושענא רבה האָט זיך מיין פאָטער אָנגענומען מיט מוט, געוואָרן העלדיש־געשטימט און איז אַוועק אין דער מיליטערישער קאָמאַנדע. געבעטן דאָרט אויפגענומען ווערן ביים הויפטקאָמאַנדיר וועגן אַ דרינגענדן ענין. מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש האָט ער דערציילט דעם קאָמאַנדיר וועגן דער קריטישער לאַגע אין וועלכער די יידן געפינען זיך און ווי אומגליקלעך זיי וועלן מאָרגן זיין אויב זיי וועלן ניט האָבן וווּ זיך „מאָדליעווען” און גאָט בעטן. „באַפרייט אונדז די סינאַגאָגע אַף מאָרגנדיקן טאָג און מיר וועלן אויך פאַר אייך גאָט בעטן” — האָט זיך מיין פאָטער געבעטן. „איך וועל פאַראָרדנען אַז דאָס מיליטער זאָל פאַרלאָזן אַף מאָרגן אייער סינאַגאָגע”, האָט דער קאָמאַנדיר זיך אָפגערופן, אָבער מיר וועלן קומען זען ווי איר מאָדלעוועט זיך און בעט גאָט”.

די שול איז באמת באַפרייט געוואָרן. הושענא רבה אינדערפרי זענען יידן זיך צענויפגעקומען מיט פאַרשמאַרצטע הערצער אין שול. געדאַווענט מיט אַ וויינענדיקער שטים, פונקט ווי יום־כיפור ביי נעילה. אין סאַמע מיטן הלל, ווען מיין פאָטער האָט געדאַווענט מיטן גאַנצן האַרצן, איז אָנגעקומען אַ גרופע אָפיצירן און זיך אויסגעשטעלט שמייכלענדיק קוקן ווי יידן דאַווענען. אָבער ווען מ'האָט געעפנט דעם אָרון־קודש, אַרויסגענומען די ספרי־תורות און אָנגעהויבן אַרומרינגלען דעם בעלעמער זאָגנדיק הושענות, און מיין פאָטער גייט פאָראויס מיטן קיטל און טלית און זאָגט וויינענדיק „הושענא ההרוגה עליך ונחשבת כצאן טבחה”, „הושענא מרוטת לחי”, „הושענא נתונה למכים” א. אַז. וו. — זענען די אַלע אָפיצירן געוואָרן ערנסט און אין די אויגן פון עטלעכע פון זיי האָבן זיך אַפילו באַוויזן טרערן... דאָס האָב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

די גוישע הערצער זענען ווייך געוואָרן, זיי האָבן אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און ביים אַוועקגיין האָבן זיי דערקלערט אַז דאָס מיליטער וועט זיך שוין ניט צוריקקערן אין שול אַריין...

יידן האָבן פריי אָפגעאָטעמט און אין אָוונט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע הקפות און יידן האָבן אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן מיט די ספר־תורהס, זענען אָנגעקומען די אָפיצירן און אָנגעקוקט שטאַרק וווּנדערנדיק זיך: וואָס פאַר אַ מין אומה איז דאָס? אינדערפרי אַזוי געוויינט — און אָט פרייט מען זיך שוין... מ'האָט זיי אויפגעקלערט, אַז זייענדיק זיכער אַז אונדזערע תפילות זענען אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און אַז מיר האָבן אויסגעבעטן ביי גאָט פאַר אונדז און אויך פאַרן רוסישן מיליטער אַ גוט יאָר — דערלויבן מיר זיך שוין פרייען מיט אונדזער תורה...

ווי באַוווּסט האָט זיך ביים קליינעם טייכל סטיר אָפגעשטעלט די אינוואַזיע אַף אַ לענגערער צייט. דער קריג האָט נאָך געדויערט עטלעכע יאָר און די אַנטשיידונג איז געקומען ביי גאַנץ אַנדערע פראָנטן.

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט פסח תרע״ו (1916) און ס'איז אוממעגלעך געווען מאַכן אַ כשרן פסח מיט די סאָלדאַטן אין שטוב, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין אָליעווסק וואָס איז געווען ווייט פון פראָנט. מיר האָבן זיך שוין ניט צוריקגעקערט קיין אָליזערקע, ווייל אין אַ פאָר חדשים אַרום איז מיין פאָטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין וועלעדניק. אין 1924 איז מיין פאָטער אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפט־רב אין זשיטאָמיר, וווּ ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״צ (1930). אין אלול תרכ״ה (1965) האָב איך געהאַט די זכיה, זייענדיק אַלס טוריסט אין סאָוועטנלאַנד, באַזוכן מיינע שוועסטער אין זשיטאָמיר און — עולה זיין דאָרט אַף קבר־אָבות (זע ילקוט ווהלין נומער 27).

חיים באַלצאַן

# מיין וואָלינער... העברעיישע מאַמע

## אַ געשיכטע פון אַ פאַמיליע



ס׳שווער צו שרייבן וועגן אַ מאַמען. וועגן מיין מאַמען. בפרט אַז שוין מער פון 31 יאָר אַז זי לעבט ניט מער, און קיינער ווייסט ניט ווו זי האָט איר כשרע נשמה אויסגעהויכט. צי זי איז געפאַלן אין מיטן שליאַך און איז איבערגעפאָרן געוואָרן, אָדער צי איז זי גאָר דערשאָסן געוואָרן פון אַ ייִנגן סאָלדאַט... און אפשר איז זי אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורשט אין יענעם הייסן בלוטיקן זומער פון 1941, ווי הונדערטער־טויזנטער אַנדערע יידישע מאַמעס... ניט עמיצער ווייסט, ניט עמיצער געדיינקט.

אויך אירע אייניקלעך ווייסן ניט און געדענקען איר ניט, אַפילו זיי זענען שוין היפש אויסגעוואָקסן... זיי האָבן דאָך בכלל ניט זוכה געווען האָבן אַ באָבען... די וויייניקע וואָס געדענקען איר יאָ, ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער... נאָך אַ ביסל — און גלייך ווי זי וואָלט קיינמאָל בכלל ניט געווען.

אַ וואָלינערן איז זי געווען. אסתרקע. אַזוי האָט מען איר גערופן פונעם קינדער־וויגעלע אָן ביז איר טויט. קאַשטאַנענע האָר. בלויע, קלוגע אויגן. אַ גוט, שמייכלענדיק פנים. געווען איז זי די מיזינקע פון ר׳ מאיר־אריה קרעמענשטיין, אַ ייִד אַ למדן און אַ משכיל אינעם וואָלינער שטעטעלע אַלעקסאַנדריע. איינער פון די צוויי אַבאָנענטן דאָרטן אָפן „המליץ״. זיין מיזינקעלע, אסתר׳קען, הגם זי איז געווען אַ מיידל, האָט ער געשיקט לערנען אינעם „חדר מתוקן״ פון ר׳ חיים־ניסן זאַקס. ווען זי איז אויסגעוואָקסן, האָט זי אַריבערגעוואַנדערט, אַלס כלה, אין אַ צווייטן עק פון דעמלטיקן רוסלאַנד — קיין קישעניעוו. ווי אַזוי זי איז אַזוי ווייט פאַרקראָכן — דאָס איז אַ מעשה פאַר זיך. דאָס דערציילט אַ קליינע

איינלאַדונגס־קאַרטע צו אַ חתונה מיט אַ מגן־דויד אין דערמיטן, געדרוקט אין אַ הייַנטיקן עברית:

אסתר
בת גור־אריה
קרמנשטין
אלכסנדריה

בן־ציון
בן־שמואל
בלצן
קישינייב

נ י ש א י ם
ז׳מרינקה, תרס״ט

ווען ניט דאָס שטעטל זשמערינקע און דאָס יאָר תרס״ט (מיט 64 יאָר צוריק) וואָלט איר געקאָנט מיינען אַז דאָס איז אַן איינלאַדונג אַף אַ חתונה אין זכרון אָדער אין כפר סבא. נאָר דאָס אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט און אָנקלעבן אַ ישראלדיקע פאָסטמאַרקע...

אַ מעשה מיט אַ יידישן בחור פון קישעניעוו, אַ פאַרברענטער העברעאיסט, וואָס האָט זיך איינגעג׳עקשנ׳ט חתונה האָבן נאָר מיט אַ מיידל וואָס רעדט אַ פליסיקן לשון־קודש אַזוי ווי ער, כדי צוזאַמען אויפשטעלן אַ הויז, ווו אַלע זאָלן רעדן נאָר עברית — אַ זאַך וואָס האָט געקלינגען אין יענע צייטן און אין יענע מקומות ווי אַ לעגענדע. האָבן זיך טאַקע שדכנים גענומען צו דער אַרבעט. פון איין שדכן צום צווייטן, ביז ס׳האָט זיך געפונען אַזאַ כלה אין אַלעקסאַנדריע אין וואָלין. פאָלג־מיך־אַ־גאַנג! האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטערעסאַנטער בריוואויסטויש צווישן אסתר׳קען אין וואָלין און בן־ציון אין בעסאַראַביע. די בריוו האָבן צו די הערצער אַ וועג געפונען און דאָס פאָרל האָט זיך אין מיטן וועג צוזאַמענגעטראָפן — אין זשמערינקע, ווו זיי האָבן טאַקע חתונה־געהאַט. אינעם האָניק־

חודש זענען זיי געפאָרן קיין אָדעס, אַף אַ ציוניסטישן קאָנפערענץ, וווּ בן־ציון איז געשיקט געוואָרן אַלס דעלעגאַט.

זיך אַליין, זייער בכור, געדענק איך פון קינדווייז־אָן ווי אַ מין אַטראַקציע: אַ קינד וואָס רעדט מיט זיינע עלטערן נאָר אין שפּראַך: עברית.

און קינדערשע זכרונות פון די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה: דער טאַטע, וואָס איז בעתן באַוווּסטן קישענעווער פאָגראָם (1905) געווען אַ חבר אין דער „אָכראַנע" (יידישע זעלבסטשוץ), איז פּרינציפּיעל קעגן דינען אין פאָניעס אַרמיי; ווערט ער אַ „האָז", ס'הייסט אַ דעזערטיר, ניט קוקנדיק אַף די 12 יאָר קאַטאָרגע וואָס דראָען אים פאַר אַזאַ מעשה, און לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן איבער רוסלאַנד מיט זיין געטרייער פרוי, און קינד און געפינט אַ מקום־מקלט אין אַ קעלער־הייזל (זיעמלאַנקע) ערגעץ אין אַ פאָליעסער וואַלד, אַלס וואַלד־שומר. אָבער נאָכן אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און מיט דער ידיעה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, גייט מיין טאַטע אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און איז גרייט זיך מאָביליזירן און גיין אַפן פראָנט, אָבער די סומאַטאָכע איז צו גרויס און מ'נעמט אים ניט אָן...

אָט ווערט שוין בעסאַראַביע אַ טייל פון רומעניע. הונדערטער און טויזנטער פליטים פון אוקריינער פאָגראָמען שטראָמען צו אונדז. דער טאַטע ווערט גלייך פאַרטון מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון דערלאַנגען הילף; די מאַמע איז אַ געטרייער עזר כנגדו. אונדזער 3 צימערווינונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ היים פאַר פליטים. אַזוי וואָכן און מאָנאַטן־לאַנג. צווישן זיי שרייבער און זשורנאַליסטן: יצחק קלינאָוו, הערמאַן סוועט, שמואל מייזליש און אַנדערע. מיין מאַמע, מיט איר ווייכן וואָלינער „קאָמישן" יידיש ווערט שנעל באַקאַנט אַלס די „באַרמהערציקע טוערין". אָרגאַניזירט שנעלע הילף פאַר קראַנקע, אָרעמע פליטים; איז איינע פון די גרינדערס פון אַ תלמוד־תורה אין עברית, א. אַז. וו. און דער עיקר — זי נעמט אָן מיט ליבע אַלץ וואָס קהל לייגט אַרויף אַף איר מאַן, אַפילו ווען דאָס איז אַ געפערלעכע שליחות פון גנבענען די גרענעץ קיין אוקריינע, ווו ס'בושעווען די באַנדעס, כדי צעטיילן צווישן די קהילות געלט און אָנווייזונגען ווי אַזוי שמוגלען די גרענעץ איבערן דניעסטער קיין בעסאַראַביע. זי זאָגט ניט קיין וואָרט, אָבער זיפצט לייכטער אָפּ ווען זי זעט איר מאַן צוריקקומען.

צוזאַמען מיט די פליטים קומען אָן אויך די חלוצים. די ערשטע יאָרן פון קרן־היסוד. מיין זיידע שענקט אַוועק אַ געביידע אין אונדזער גרויסן הויף, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין „בית החלוץ". די חלוצים, כמעט אַלע אוקריינער־וואָלינער גייען אַריבער דעם דניעסטער — און גלייך אין די שוין אָרגאַניזירטע קבוצות. יעדע קבוצה וואַרט אָפּטמאָל לאַנגע חדשים אינעם „בית החלוץ" ביז דער עליה. מיין מאַמע שטייט אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע ציוניסטישע פרויען וואָס דאגה'ט פאַר די עולים, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אַפילו ניט קיין לייטישן בגד. אַפילו חתונות, כדת משה וישראל, פראַווען זיי פאַר די וואָס דערקלערן זיך אַלס פאָרלעך. די הויפּט־מחותנתטע וואָס פירט אונטער דער חופּה, איז פאַרשטייט זיך די מאַמע... אין יאָרן אַרום, באַזוכנדיק קיבוצים אין עמק יזרעאל, האָב איך זיך אָנגעהערט גוואַלדיקע שבחים וועגן מיין מאַמען, וואָס יינגלווייז האָב איך זיי ווייניק פאַרשטאַנען. פאַר זיי, די וותיקים פון עמק, בין איך נאָך אַלץ געווען „אסתרקעס זונעלע".

1924. ידיעות פון וואָלין דערציילן, אַז מיין זיידע, ר' גור־אריה איז אַרויס פון די מלחמה־יאָרן אַ „יורד" און איז אַריבער קיין ראָוונע. אויסער זיין זון חיים־בער, נעבן מיזוטש, איז קיינער אין וואָלין מער ניטאָ. זיין טאָכטער בריינדל מיט איר מאַן זענען אין קיעוו ווו זיי האָבן פאַרלוירן זייער עלטערן זון אין דער רעוואָלוציע און די צווייטע טאָכטער, פערל, איז געשטאָרבן אין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק קליינע יתומים. מיין מאַמע פועלט ביי מיין טאַטן, וואָס קלייבט זיך עולה זיין ווי אַ חלוץ פון דער משפּחה קיין ישראל, „צופאָרן דערווייל קיין ראָוונע" באַזוכן איר פאָטער. זי פאָרט מיט אַלע דריי קינדערלעך...

אַ קליין יינגל בין איך נאָך דעמלט געווען, דאָך געדענק איך גוט יענע חדשים אין יידישן וואָלין. טאַקע אינעם הויז אַף סקאַרבאָווער גאַס, ווו ס'ווינען מיין זיידע און באָבע, באַגעגן איך קינדער וואָס לערנען אין תרבות־שולע, רעדן עברית און זענען חברים אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פונקט ווי ביי אונדז אין קישעניעוו. אין יעדן הויז זע איך אַ יידישע צייטונג „היינט", „מאָמענט", אויך אַ לאָקאַלע יידישע צייטונג, פונקט ווי ביי אונדז. אויך יידיש טעאַטער. אַפילו די זעלבע שוישפּילער וואָס האָבן געשפּילט אין קישעניעוו... איין יידישע וועלט!

מיר זענען, פאַרשטייט זיך, אויך געפאָרן קיין מיזוטש. ניט ווייט פון דאָרט איז אַ צוקער־פאַבריק וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אונדזערע שוועסטער־קינדער, די האָרנשטיינס, און נאָכדעם צו אַ יידן וואָס האָט געהייסן האַלב־

מיליאָן... מיין פעטער חיים־בער קרעמענשטיין
האָט דאָרטן געאַרבעט אַלס נאמן פון די בעלי־
בתים... ס׳איז געווען דאָס איינציקע יידיש הויז
זיינס, צווישן פעלדער־וועלדער. אויך דאָרט
האָב איך געטראָפן יידישע צייטונגען, אַ יידישן
שבת, יידישע פריינד, באַקאַנטע און סוחרים. די
„פלאַנטאַטאָרס״. זיי פלעגן אַרומפאָרן אין די
דערפער און פאָראויס־באַשטעלן און אָפקויפן
גאַנצע פעלדער צוקער־בורעקעס. בינו־לבינו
פלעג מען שמועסן וועגן יידישע ענינים: ארץ־
ישראל, שטייגער־פּראָצעס, ציוניסטן־אגודה׳ני־
קעס, בונד און די „רויטע ברידערלעך״. איצט
דערמאָן איך זיך אויך אין „גרעניץ־אינצידענטן״.
באַנדעס פון דער סאָוועטישער זייט פלעגן
איבערגיין די גרענעץ און באַשיסן און אָפילו
פאַרברענען דאָ־און־דאָרט, אַ פאָלוואַרק. אָבער
מ׳האָט עס אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך.

אין מיזוטש — פונקט ווי אין ראָוונע: ציוי־
ניסטישע יוגנט־באַוועגונגען, טעאַטער־אַמאַטאָרן
אין יידיש. קינדער און יוגנטלעכע רעדן עברית
אין די גאַסן. און אַזוי אומעטום ווו מיר האָבן
זיך אָפגעשטעלט. דובנע, זדאָלבונאָוו, לעמבערג,
טשערנאָוויץ א. אַז. וו. אומעטום האָבן מיר זיך
אָפגעשטעלט אַף גאַנצע טעג (דאָס פאָרן אין
יענע צייטן!) און אומעטום — די זעלבע יידישע
וועלט, די זעלבע ציוניסטישע יוגנט, וואָס רעדט
עברית און חלומט אָנקומען אַהיים, קיין ארץ־
ישראל... די זעלבע עלטערע יידן, וואָס שאָקלען
זיך אין שול און שעפּטשען שטיל מיט האַרץ
„ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים...״ ווי
מיין זיידע גור־אריה. יאָ, צוריק צו מיין זיידן:
אַ הויכער, שלאַנקער ייד מיט אַ לאַנגער שוואַרץ־
גרויער באָרד. אַ ביסל שוין אַראָפּגעפאַלן ביי
זיך. אַ האַרצרייסנדיקע תפילה האָט ער אַוועק־
געלייגט אין שול אין די ימים נוראים ביים
„אל תשליכנו לעת זיקנה״. אָבער ער איז אויך
שטאָלץ געווען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט. ניט
נאָר אַף זיין עבר אין אַלעקסאַנדריע, נאָר אַף
זיין ייחוס, פון וואַנען ער שטאַמט. הייסט ער
דאָך גור־אריה, אַפן נאָמען פונעם מהר״ל פון
פּראָג און פאַררופט זיך אַף זיין משפחה. נעכט
בין איך ניט געשלאָפן, אַנהערנדיק זיך די מע־
שיות וועגן גולם. געדאַכט האָט זיך מיר אַז אָט־
אָט קומט יענער גולם, וואָס דעם זיידנס־זיידנס
אַ זיידע האָט באַשאַפן פון ליים און לעבעדיק
געמאַכט...

מיר קומען צוריק אַהיים. דער טאַטע פאָרט
קיין ישראל, פּרוּווט אינוועסטירן דאָרט זיין
געלט און געלט פון דער משפחה. קומט צוריק
אין 4 חדשים אַרום באַצויבערט פונעם יידישן
לאַנד. אָבער גלייך פאַלן אַף אונדז עטלעכע
שווערע פיסקאַלע קלעפּ פון דער רומענישער
מאַכט און מיר ווערן פאַראָרעמט. אין דייטשלאַנד
קומט היטלער צו דער מאַכט. און ביי אונדז
אַליין — ציוניסטן ווערן שונאים איינער דעם
צווייטן צוליבן אַרלאָזאָראָוו־מאָרד. אין אונדזער
הויז קומען זיך דאָך צענויף מענטשן פוןביידע
מחנות. אַ דאַנק מיין מאַמעס האַרציקייט און
מיין טאַטנס באַשיידנקייט.

מיין מאַמעס קאַשטאַנען־האָר ווערן גרוי
און גרויער. איך ענדיק לערנען אין אוניווערסי־
טעט און בין שוין אַדוואָקאַט. מאַכט זיך אָבער,
און אינעם געריכטס־בנין צעפּאַטש איך זיך
מיטן פאַרזיצער פונעם אַנטיסעמיטישן אַדוואָ־
קאַטן־פאַראיין און איך מוז שנעל זיך אָפּטראָגן...
איך בין עולה אָן אַ סערטיפיקאַט... איך אַרבעט
אַלס טרעגער אין חיפה׳ר האַפן און דערנאָך
ווער איך זשורנאַליסט. פון דער היים — עברית־
בריוו פון טאַטע־מאַמע: ניט זאָרגן זיך וועגן זיי,
בעטן זיי זיך, נאָר ראַטעווען די אַנדערע קינ־
דער. ס׳געלונגט מיר אַראָפּברענגען מיין שוועס־
טער ימימה און נאָכדעם מיין קליינעם ברודער
חנוך. אַלץ אָן סערטיפיקאַטן... די עלטערן בלייבן
אַליין. מיין טאַטע פאַרטיפט זיך אין חקירות
וועגן תנ״ך און מיין מאַמע לעבט מיט די בריוו...
איך, דער עלטסטער זון, ווער פאַרווונדעט אין
צוזאַמענשטויס מיט ענגלענדער איבערן „ווייסן
בוך״. מ׳מיינט ס׳איז אָן ערנסטע מעשה... אַזאַ
קלאַפּ פאַר דער מאַמען! אָבער ווען איך ווער
געזונט, באַקום איך אַ סערטיפיקאַט פאַר די
עלטערן. די שמחה איז גרויס, מ׳האָפט, מ׳מאַכט
פּלענער. נאָך אַ חודש — און זיי קומען... אָבער
ס׳שוין מאַי 1940. די רוסן פאַרנעמען בעסאַ־
ראַביע. דער וועג קיין ארץ־ישראל איז אינ־
גאַנצן אָפּגעשניטן... די בריוו וואָס קומען פון
זיי אָן סוף־סוף זענען לויטער „עמעס״ אין
יידיש: „מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן און
באַפרייט פון קנעכטשאַפט״. דער טאַטע בעט
לאָזן גריסן ירמיהון... דער אַלטער וועט שוין
אונדז אַלץ דערציילן... און די מאַמע: זאָרגט זיך
ניט קינדער. אונדז איז גוט וואָס אייך איז גוט...

און דער ביטערער, שרעקלעכער טאָג: אין
שטאָט קומען אַריין די נאַציס, באַלד הויבן זיי
אָן בושעווען. 3 דייטשישע סאָלדאַטן לויפן נאָך
די שיינע טאָכטער פון משה פויגל, דער בעקער
פון צווייטן הויף. דאָס מיידל לויפט אַריין אין
אונדזער הויף. איין סאָלדאַט וויל איר כאַפּן. מיין
טאַטע פאַרשטעלט אים דעם וועג. דער סאָלדאַט
הויבט אים אָן שלאָגן. מיין טאַטע כאַפּט צו אים
אַ בענקל. דער סאָלדאַט שיסט אים און מיין

טאַטע פאַלט פאַרבלוטיקט. די מאַמע וויל ראַטעווען און דער סאָלדאַט גיט אַ קאָפּע מיט זיין שטיוול אינעם טאַטנס טויטן קערפּער... די מאַמע גיט אים איר חתונה־פינגערל, בעט זיך ער זאָל איר אויך שיסן, אָבער דער סאָלדאַט לייגט אַריין דאָס פינגערל אין קעשענע און לאַכט זיך אויס: אַ שאָד אַ קויל...

דעם טאַטן האָט מען נאָך געבראַכט צו קבר־ישראל. אַפילו דאָרט אין הויף. שפּעטער האָט מען שוין קיין קברים ניט געגראָבן. ס׳איז געווען אַ געטאָ. ס׳זענען געווען תליות, פאַרשיקונגען. מ׳האָט אַלעמען געטריבן צו פוס אין די זומערדיקע היצן און אין די אָסיענדיקע בלאָטעס. פון יענעם זייט דניעסטער. קיין טראַנסדניסטריען. אַ נייעם נאָמען אויסגעקלערט. דאָרט, אַף דער וויסטער, אָפּגעסמאַליעטער ערד האָט מען זיי איבערגעלאָזן שטאַרבן פון הונגער, פון דורשט, פון מגיפות, און פונעם קאַלטן ווינטער — ווער ס׳האָט נאָך דערצויגן ביז דעמלט.

ווו איז אַהינגעקומען מיין האַרציקע וואָלינער מאַמע אין יענע פינצטערע טעג — קיינער ווייסט ניט, קיינער געדענקט ניט. געוויס האָט זי זיך געטרייסט דערמיט וואָס אירע קינדער זענען לעבן געבליבן אינעם אייגענעם לאַנד, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט זען... אפשר האָט זי זיך אויך דערמאָנט דאָס ליד פונעם דיכטער, וואָס זי האָט מיט איר קיילעכדיקן כתב אַריינגעשריבן אין אַלבאָם פון מיינע קינדער־יאָרן:

אם גם יאחר יום הגאולה,
יצעד שעל שעל,
אל תיואש אסיר־תקוה,
עוד שמשנו יעל!

אין יידיש בערך:

אויך אויב פאַרשפּעטיקן וועט טאָג פון דער גאולה,
וועט לאַנגזאַם־לאַנגזאַם גיין,
נאָך אויפשיינען וועט אונדזער זון!
דו נאָר פאַרליר די האָפנונג ניט, ניין.

מאיר שץ

# א ווועלדל ביי לודמיר

אַ וועלדל מיט ביימער, מיט פייגל אַף צווייגן
מיט שחרית־געסוויטשער אין הימלען וואָס שווייגן.
מיט וואָלקנס וואָס שוועבן, שפּאַצירן און לאַכן —
פון אַ וועלט וואָס געווען איז, ווי חוזק זיי מאַכן!

דערציילט זיי דאָס וועלדל פון אַ קבר אַ גרויסן,
פון לודמירער יידן מיט ווידוי דאָרט גוסס׳ן,
פון אַ מיידעלע פייגעלע, וואָס ס׳ניט אינגאַנצן דערשאָסן
וואָס אַנטלויפט פונעם קבר שטאַרק בלוטיק־פאַרגאָסן.

ווי פון חלום דערציילט עס פונעם עולם האמת
ווו ברידער און שוועסטער און טאַטעס און מאַמעס
פון גיהנום־של־מטה דערציילן די יידן
אַזש ס׳וויינען צדיקים, אַ קלאָג אין גן־עדן!

חלום איך אויך און כ׳זע דאָרט מיין זיידן
מיט זיין ספר תורה. כ׳זע טאַנצנדיק ביידן.
„טאַנץ, יודע, טאַנץ, היר לייג זיך אַליין!"
שפּייט זיידע דעם שטן אין פנים אַריין — — —

אַ וועלדל מיט ביימער, מיט פייגל אַף צווייגן,
מיט שחרית־געסוויטשער אין הימלען וואָס שווייגן.
ס׳נאָך צו באַמערקן אין זיי מאָרגן־שטערן
און אַ ריטשקע פון ליכט און פון בלוט און פון טרערן.

רות ברענער

# דער קולטור־טרעגער פון טאַרטשין

## (ד״ר בן־ציון ביילין)

ויהי בימי ניקולאַי, אין סוף פון 18טן י. ה. און אין אָנהויב פון 19טן י. ה. זענען כמעט אַלע שטעטלעך און קליינע קהילות אין וואָלין געווען זייער אָפּגעשטאַנען, גייסטיק און עקאָנאָמיש. דאַוונען האָבן אפשר געקאָנט כמעט אַלע יינגלעך און יידן, אָבער אַ סך מיידלעך און פרויען זענען געווען כמעט אַנאַלפאַבעטינס, אַפילו זיי האָבן אַ ביסל געלייענט עברי־טייטש אין דער „צאינה־וראינה״. די מערהייט יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אַ פּרמיטיוו לעבן. און ס׳זענען געווען שטעטלעך וואָס כתריאלעווקע איז געווען אַ גאָלד אַנטקעגן זיי... איז שטעלט זיך פאָר!

אָבער די השכלה־עפּאָכע האָט דאָך געמאַכט דאָס איריקע. ווי זונען־שטראַלן אין אַ פאַרוואָלקנטן הימל האָבן זיך אַדורכגעריסן די ווינטלעך פון השכלה אין די מערהייט שטעטלעך. די דערמלטדיקע יוגנט האָט אָנגעהויבן עפענען אויגן און זיך אַרומקוקן ווו מ׳האַלט אין דער וועלט...

דאָך וואָלטן נאָך אַ סך שטעטלעך ווייטער געלעבט זייער פרימיטיוו אָרעם לעבן, ווען ניט יחידים, וואָס זענען ווי אויסגעוואָקסן „פון אונטער דער ערד״ אין דעם און אין יענעם שטעטל און זיי האָבן אָנגעהויבן אויפטון מעשים ממש, כדי פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון די דאָרטיקע יידן און אַריינברענגען אַ ביסל קולטור.

אַזאַ קולטור־טרעגער און פאַרזאָרגער אין טאָרטשין איז געווען ד״ר בנציון ביילין.

ד״ר ביילין איז געווען, פאַרשטייט זיך, ד״ר מעדיצין. צי דען איז געווען דעמלט פּלאַץ פאַר אַן „אַנדער מין דאָקטאָר״ אין יענע שטעטלעך אין יענע צייטן? אָבער ד״ר ביילין איז געווען דאָקטאָר פאַר נאָך אַ סך „אַנדערע זאַכן״. ד״ר ביילין האָט זיך „פאַרלייגט״ אָף טאַרטשין כדי איר „אַוועקשטעלן אָף די פיס״, ווי כ׳האָב אַמאָל געהערט פון עלטערן דור זיינעם אַן אויסדרוק.

אָנגעהויבן קעמפן האָט ער... מיט די בלאָטעס אין שטעטל. ווי באַוווּסט איז כמעט די גאַנצע וואָלינער „מאַמע ערד״ פרוכטבאַר און שוואַרץ, אָבער ווען אָט די „מאַמע״ קומט אין קאָנטאַקט מיט אַ ביסל וואַסער ווערט זי בלאָטיק און קלעפּיק. און שניי און וואָסער און רעגנס, האָבן ב״ה ניט געפעלט... זענען די הערבסטן און פרילינגס, אפשר די שענסטע תקופות אין יאָר, געווען אַ בלאָטיקער גיהנום פאַר די איינוווינער.

האָט דער דאָקטאָר ביילין פאַרזאַמלט די בעלי־בתים פון שטעטל און זיי אָנגעהויבן דערציילן מעשיות וועגן שאָסייען און טראָטואַרן און קלאַדקעס... אַפילו יידן וואָס האָבן געהערט צו די לומדים אין בית־המדרש האָבן אָנגעשטעלט מויל־און־אויערן — און ניט פאַרשטאַנען וואָס דער דאָקטאָר וויל פון זיי. אָבער ד״ר ביילין איז ניט מיד געוואָרן. ווייזט אויס אַז ער האָט געהערט צו די אמתע „משוגעים צו דער זאַך״.

צו וואָס לאַנג ברייען? דער ראַזירטער קאָפּ־און־פּנים פון ד״ר ביילין איז ניט איינמאָל נאָס געווען פון שוויס פון אַרומלויפן און אויפקלערן, אָבער דער שאָסיי אין שטעטל איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. כמעט אַלע גאַסן אין שטעטל זענען אויסגעפלאַסטערט געוואָרן!

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון וואַסער־פּלומפּן. ביז דעמלט האָט מען פאַרשטייט זיך געפירט אָדער געטראָגן וואָסער פון טייך, מיט אַ מאָל — פּלומפּן אין פאַרשידענע ערטער אין שטעטל, ממש ווי אין פּאַלאַץ פון צאַר ניקאָליי!

נאָך די צוויי גרויסע נצחונות זיינע, האָט ד״ר ביילין פאַרלייגט אין שטעטל אַ גמילות־חסד־קאַסע, יידן קליינהענדלער און בעלי־מלאכות האָבן אויפגעלעבט. אַפילו דאָס לייען אַ גמילות־חסד׳ל פון איין (קבצן) ביים צווייטן איז געוואָרן פּשוטער...

אָבער די קרוין פון ביילינס טעטיקייט איז געווען פאַרשטייט זיך די שולעס פאַר יידישע

קינדער וואָס ער האָט געגרינדעט. ממש אַ שול־וועזן! אַ תלמוד־תורה ווו מ׳האָט אַפּילו געלערנט שרייבן; אַן אַלגעמיינע „„אוטשילישטשע" פּאַר יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען — ווו מ׳האָט געלערנט „אַ סך" לייענען און שרייבן, און רעכנען און אויך רוסיש און דער עיקר — העברעיש. הימל עפן זיך!

טשין איז אויך ד״ר ביילין אַריבער קיין לוצק. די מלחמה־יאָרן זענען פאַר אים געווען ניט לייכט מחמת זיין איינציקער זון איז געפאַלן אַ קרבן פון דער מלחמה, וואָס האָט איינגעשלינגען מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות.

ווען טאַרטשין האָט זיך נאָך דער מלחמה צוריק אויפגעבויט האָט ד״ר ביילין ניט פאַר־



די „אוטשילישטשע" פאַר יינגלעך און מיידלעך אין טאַרטשין אין 1912, געגרינדעט פון ד״ר ב. ביילין, ד״ר ביילין אינדערמיט.

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן אַז ער איז דאָך געווען דער איינציקער יידישער דאָקטאָר אין שטעטל, ווו קראַנקע אָרעמעלייט האָבן חלילה ניט געפעלט, און ניט איינמאָל האָט ער באַדאַרפט צולייגן צו זיינעם אַ וויזיט אויך אַ רעצעפּט...

מיטן אָנהויב פון ערשטן וועלטקריג, ווען די מערהייט יידן זענען זיך צעלאָפן פון טאַרגעסן זיין שטעטל וואָס ער האָט „„אויפגעכאָוועט". ער איז געקומען אויף יעדן רוף. ער האָט פאַרזאָרגט אָרעמע קראַנקע אַף זיין אַמאָליקן שטייגער און אַ סך מאָל זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין לוצק נקי...

ביז היינט צו טאָג גייען אַרום צווישן די טאָרטשינער פאַרשידענע מעשיות וועגן ד״ר ביילין, דער גרויסער הומאַניסט. ביז היינט, ווען טאָרטשינער קומען זיך צענויף, דערמאָנט מען מיט ליבע דעם „טאַטן פון שטעטל".

---

## טרויער-אָוונט אין ברוקלין

(סוף פון זייט 12)

לאַנדסלייט א. אַז. וו. — און כ׳וויל ניט איבער־חזרן. וואָס כ׳וויל יאָ אונטערשטרייכן איז זיינע צוויי גרויסע ליבשאַפטן: צו ישראל, וואָס האָט ניט געוווסט קיין גרענעץ; דאָס לעצטע מאָל איז ער אַהין געפאָרן מיטן געדאַנק דאָרט ווערן אַ תושב, אָבער ער האָט ניט זוכה געווען — און צו אַלץ וואָס האָט געאָטעמט מיט וואָלינער יידנטום. זיין חלק אין צייט און מי און געלט אינעם אויפבוי פונעם היכל וואָלין אין גבעתיים איז אַלעמען באַקאַנט.

ס׳איז שוין היינט ניטאָ קיין סך פון דעם טיפּ געזעלשאַפטלעכע טוערס — שלא על מנת לקבל פרס — ווי ניסן פירער. זיי ווערן אויך וויניקער צווישן אונדז, וואָלינער.

**מאָריס בעלל**

דב גלבוע

# דער קאַלקער כליזמר

— אַ כליזמר! — פלעגן יידן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט — פאַרנעמט זיך מיט כליזמריי. ס׳איז ביי אים בכלל קיין אונטערשיד ניט, היינט אַ גוישע חתונה, מאָרגן אַ יידישע חתונה, להבדיל. אַז ער זאָגט אַפילו ניט להבדיל!

דאָס איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג פון יידן אין וואָלינער שטעט און שטעטלעך וועגן כליזמרים. „פריילעכע חברה, לאָזן זיך ווילגיין״.

אָבער ס׳זענען אויך געווען יוצאים מן הכלל. פייסע דער קאָלקער כליזמר איז געווען איינער פון זיי. מ׳קאָן זאָגן, אַ גרויסער אויסנאַם. אַ יחיד בדורו.

פייסע איז געווען אַ היפך פון אַ כליזמר. ער איז ניט געווען קיין לעב־יונג, ער האָט ניט געמאַכט קיין כוסה, ער האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט זיין משפחה, ער האָט ממש פיינט געהאַט „חיי שעה״...

פייסע איז געווען אַ האַרציקער, שיינער ייד, צוגעלאָזן חנעוודיק און סימפּאַטיש. זיינע קלוגע, גוטמוטיקע אויגן האָבן שטענדיק שטיפעריש געשמייכלט; זיינע באָרד־און־פּיאות זענען תמיד געווען סאַמעט־גלאַט און גוט געפלעגט און פאַרקעמט. אָבער נאַטירלעך. און אַלץ, זיין פיזישער און גייסטיקער אויסזען, זיין שטענדיקער שמייכל און גוטהאַרציקייט האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין האַרמאָניע, אין איין גאַנצקייט... ווי ער וואָלט אַראָפּ פון אַ בילד, געמאָלן פון לעאָנאַרדאָ דאַ־ווינטשי...

איך געדענק פייסין בלויז פון שפּילן אַף יידישע חתונות און צוויי מאָל פון פייערונגען פון אַ „סיום הספר״.

„ווען איך שפּיל אַף אַ יידישער חתונה, בפרט בעת „סיום הספר״ פיל איך ווי ס׳וויינט אין מיר „שכינתא בגלותא״ — האָב איך אים געהערט אַ מאָל זאָגן — „איז ווייַן איך צוזאַמען מיט איר, און אפשר וויינען מיט מיר מיט נאָך יידן, אַוודאי און אַוודאי נשים צדקניות...״

איך פלעג זיך אין אים איינקוקן שטענדיק בעתן שפּילן און ווירקלעך, ס׳האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט אַז די שכינה שיינט אַף אים... איך האָב געזען ממש ווי ער טוט זיך אויס פון דער זינדיקער, פּראָזאַיישער וועלט און שוועבט אין די הויכע הימלען... שטעלט זיך פאָר ווי איך האָב אים מקנא געווען!

ווען פייסע פלעג שפּילן אַף אַ חתונה, אָדער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, פלעגן זיך צענויפלויפן „קינד־און־קייט״. די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, און אַלע זענען געשטאַנען ווי פאַרכישופט פון די טענער פון זיין פידעלע. ער פלעג אָפּטמאָל שטיל מאַכן זיינע באַגלייטער, דעם קלאַרנעט, מיטן באַס, מיטן פּויק־און־טאַצן און שפּילן סאָלאָ. און צוזאַמען מיט די ציטערנדיקע טענער פון די סטרונעס פון זיין פידעלע האָבן געציטערט אויך פאַרבאָרגענע סטרונעס אין יידישע הערצער. אָבער וואָס איז דער וווּנדער? געשפּילט האָט טאַקע איין פידעלע און געדאַכט האָט זיך אַז דאָס שפּילט אַ גאַנצער, גרויסער אָרקעסטער, פון צענדליקער כלים.

„ער שפּילט ניט מיט די פינגער״, פלעגן יידן אַרויסזאָגן מבינות, ער שפּילט מיטן האַרצן. ער וויינט אָפן חורבן בית־המקדש און איז מקבל מיט גרויס פרייד דעם מלך המשיח...״.

געווען איז ער אַ מוסטער פון שפּילן „וואָלעכלעך״, „דאָס פאַסטוכל״, אַ „פריילעכס״, באַזעצן חתן־כלה, „כל־נדרי״ און וואָס ניט? אַלץ וואָס ס׳האָט געאָטעמט מיט יידן און יידישקייט איז ביי אים אַרויסגעקומען ווי פון הימל אַראָפּ. פון גאַנץ אַנדערע וועלטן, איז וואָס איז די רבותא וואָס ער פלעג באַצויבערן יידישע מאַסן און „ס׳ניט געווען צו אים קיין גלייכן״ — ווי ס׳פלעגן עדות זאָגן מבינים און זקני הדור.

איך געדענק, אַז ווען איך פלעג אים הערן, פלעג זיך מיר דאַכטן אַז איך ווער פּלוצעם אַ גרויסער מבין אין מוזיק. איך פלעג פּלוצעם דערזען פאַר זיך גרינע פעלדער און וועלדער, פלייצנדיקע טייכן און קוועלנדיקע אָזיערעס, צעבליטע סעדער און גאָרטנס און פילקאָלירנדיקע בלומען און פרוכט, און צווישן די צווייגן האָב איך דערזען טויזנטער פאַרשידנפאַרביקע פייגל וואָס צוויטשערן און זינגען ווי מלאכים... אָט הער איך אויך אַ געברום פון אַ לייב, דאָס רעווען פון אַ פאַרצוקטן, ווילדן אָקס, דאָס וויען פון אַ בוים וואָס פאַלט אין שטורעם...

איך געדענק ווי איך פלעג גלייכצייטיק באַוווּנדערן אויך זיין טעכניק. זיינע פינגער פלעגן צאַפּלען און זיך גליטשן מיט אַ אומנאַטירלעכער שנעלקייט אַזוי אַז ביים צוזעהער האָט זיך ניט איינמאָל פאַרדרייט דער קאָפּ פון צוקוקן זיך און געדאַכט האָט זיך אַז דאָס פידעלע שפּילט אַליין...

פייסע קאָלקער איז אויך געווען אַ ייד אַ

(סוף אין זייט 27)

ראובן קלאדניוו

# מאַציווער זכרונות

## די גרויסע שול

...אַט דאָ קאָנט איר זען די שול מיט איר באַרימטן שער. איר דאַרפט נאָר אַראָפּגיין דאָרט עטלעכע טרעפּלעך... איך אַליין וואַרט ניט אַף אייך. איך לויף צום אָרון קודש. אפשר זענען נאָך דאָ דאָרטן די געשניצטע חיה׳לעך, די גע־טאָקטע ביימעלעך... קינדוויז, האָב איך, מיט מיין שכל, ניט אַנדערש פאַרשטאַנען, נאָר אַז דאָס אַלץ איז ניט געמאַכט געוואָרן מיט אַ מענטשלעכער האַנט. אַז דאָס איז אַראָפּגעפאַלן גלייך פון הימל אַראָפּ, ווייל אַ שול איז דאָך קודש־קדשים. אַט, למשל, איז געקומען אין מאַ־ציוו אַ קינדער־קראַנקהייט. אַ רעש אין שטעטל. מ׳רופט דעם עולם אין שול אַריין זאָגן תהילים. איז טאַקע געשען אַ נס און די קראַנקהייט האָט אויפגעהערט...

אַט דאָ קענט איר זען דעם בעלעמער. אַפן בעלעמער איז געשטאַנען אַ הונדערט־יאָריק בעטעלע וואָס האָט געגוצט פאַר ברית־מילה׳ס. דאָס בעטעלע איז געווען דער כסא־של־אליהו. קליינוואַרג פלעגן לויפן אין שול אַריין, גלייך אַפן בעלעמער, באַטראַכטן דאָס בעטעלע מיט אירע אויסגעשניצטע שטעקעלעך, בערעלעך, לייבעלעך און אַנדערע חיה׳לעך און קריכן אי־בער די קעפּ, זען וואָס מ׳טוט דאָרט מיטן קליי־נעם יאַטל...

און איצט, וואַרט אַ ווײלע... ס׳איז דאָך שוין שפּעט ביינאַכט. איצט איז אַ סכנה אַדורכגיין די שול... איר הערט ווי די מתים דאַוונען דאָרט? זיי רופן אויף צו דער תורה...

הערט אַ מעשה. אַ מאָל האָט אַ משוגענער זיך פאַרבלאָנדזשעט ביינאַכט אין דער ווייבע־רישער שול און געזונגען דאָרט מיט מוראדיקע קולות, אַזוי אַז גאַנץ מאַציוו האָט זיך דער־שראָקן. איך בין גראָדע געווען אַ יינגל אַ כוואַט און אָנגעפירט מיט חברה חדר־יינגלעך. האָבן מיר זיך אַרויפגעכאַפּט דאָרט ווו דער מת זינגט און אים אַראָפּגעפירט במחילה, בכבוד גדול. און אין שטעטל איז רויק געוואָרן.

און אַ מעשה פון טויבן. איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטיק האָב איך מיט מיין חבר קלמן בוים באַשלאָסן מאַכן אַ שפּאַציר אַפן שול־בוידעם זוכן דאָרט טויבן. טויבן האָבן מיך שטענדיק גע־רייצט. מיר זענען אַרויף אַפן בוידעם פון דער עזרת נשים. די פענצטער פון עזרת נשים האָבן אַראָפּגעקוקט צום נעסכיעזער שטיבל. אַפן בוי־דעם האָבן מיר פאַרבראַכט אַ שיינע פאָר שעה און מיר האָבן שוין געמוזט בלייבן ביז נאָך מע־ריב אין דער ווייבערישער שול, ווייל אינדרויסן ביים שטיבל זענען געזעסן יידן און געשמועסט אַוודאי פּאָליטיק. מיר האָבן זיך ניט געטאָרט באַווייזן, ווייל פאַר אַזאַ חילול־שבת וואָלטן מיר אַריינגעכאַפּט יענע פייערקע פעטש...

אָבער קלמן בוים איז געווען אַ יינגל אַ לץ און ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ שפּיל טון מיט די יידן פון אונטן. ער האָט פאַרדעקט זיין פּנים מיט אַ ווייס טיכל און זיך צעשאָקלט ביים שויב פון פענצטער. לייביש קצב האָט דאָס דערזען און אַ געשריי געטון: גוואַלד, מתים! מתים אין דער ווייבערישער שול! יידן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אונדז. אָבער גלייך צוריקגעלאָפן פאַר פּחד. נאָך מעריב האָבן מאַטיע לעמלס, וועלוול געציעס און הערש־לייב איסערס, דריי געזונטע יונגען, אַרויף צו אונדז מיט ליכט און מיט שטעקנס, אויפגעפּראַלט די טיר וואָס מיר האָבן פון אינווייניק פאַרשלאָסן און כמעט פון אונדז געמאַכט אמתע מתים...

## גאָט מיט די מלאכים

מאַציוו האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם „גאָט״: ישראליק הערשקעס. דאָס איז געווען אַ ייד מיט

---

## דער קאַלקער

(סוף פון זייט 26)

משכיל, ערלעך און פרום. אַ שומר מצוות און אַריינגעקוקט פון צייט־צו־צייט אין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. אָבער פון נאַטור איז ער געווען אַ טיפּ פון אַ פאַלקסטרובאַדור וואָס האָט זיך געווידמעט דעם פאָלק. ער האָט באַפליגלט זיינע צוהערער און זיי דערמעגלעכט זיך דער־הויבן פון דער אָרעמער ווירקלעכקייט, פון „עמק הבכא״. ער האָט זיי אַריבערגעפירט, כאָטש אַף קורצע מאָמענטן, פון צרות און נויט אין אַ וועלט פון חלום און עקסטאַז.

אַ פּאַטריאַרכישן אויסזען. געוווינט קעגנאיבער דער שול. אונטער־די־אויגן האָט מען אים ניט גערופן אַנדערש ווי „גאָט״.

ס׳איז אויך געווען אַ מלאך: הערשל זלמנ־קעס. אויך אים האָט מען ניט גערופן אַנדערש ווי נאָר „מלאך״.

ס׳האָט אויך ניט געפעלט אין שטעטל אַ „כהן גדול״. דאָס איז געווען אַ יידל מיט קיילע־כיקע, רויטע בעקלעך: ר׳ ישראל בעלעגלה. אויך אים האָט מען ניט גערופן אַנדערש ווי שראַליניו כהן־גדול. אפשר דערפאַר ווייל ער איז שטענדיק געווען אין אַ פרייליכער שטימונג. פאַרן אין זיין פּייטאָן צום וואָקזאַל איז פּשוט געווען אַ פאַרגע־ניגן. ווען ס׳פלעגט אַ מאָל אָנקומען אין שטעטל דער טריסקער רבי, אָדער דער קאַרלינער, אָדער דער סטעפּעניער, האָבן חסידים איינגעלייגט וועלטן אַז נאָר שראַליניו כהן־גדול זאָלן פאָרן צום באַן אָפּנעמען דעם רבין.

איך אַליין בין געווען אַ גאַנצער בן־בית ביים כהן־גדול אין שטוב. כ׳האָב געלערנט אין איין חדר און זיך געחברט מיט זיין אייניקל אייזעק. יעדן פרייטיק נאָכמיטיק פלעגן מיר לויפן גלייך פון חדר צום כהן־גדול און דאָרט פאַרבראַכט צווישן פערד און אָפּן בוידעם מיט היי. מיר האָבן זיך גוט באַפריינדעט מיט די פערד און זיי פלעגן אונדז אָפטמאָל מקבל־פּנים זיין מיט אַ הילכיקן הירזשען. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן נאָך אַ גרעסערן פאַרגעניגן?

## שמע ישראל

נעבן שראַלעניו כהן־גדול האָט געוווינט הרב משהלע העני־ריבעס. געווען איז ער אַ תלמיד־חכם און אַ ירא־שמים און זייער באַליבט אין שטעטל. געקוקט האָט מען אָף אים ווי אָף אַ ניסתר און זיין צווינטשעווען איז געווען גאָר אַ שטאַרקע מטבע... אַפילו ביי גויים. געווען איז ער דאַר־און־קוואַר. ניט געקוקט אָף קיינעם. פלעג שטענדיק קרעכצן גייענדיק און געקלערט בלויז פון עולם הבא. געווען איז ער אַ מלמד פון באַלעבאַטישע קינדער און אַלע זיינע יאָרן עוסק געווען מיט זאַמלען נדבות פאַר מתן־בסתר.

געדאַוונט האָט ר׳ משהלע אין טריסקער שטיבל. זיינע געשרייען און טופען מיט די פיס בעתן דאַוונען — איז געווען וואָס צו זען און הערן. זיין שמע ישראל האָט געשפּאָלטן הימ־לען...

ניט איינמאָל האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזע־רע טייערע פערד און געלאָפן זיך אונטערהערן אונטער ר׳ משהלעס פענצטער, אפשר וועלן מיר אים הערן דאַוונען ביחידות אָדער הערן זאָגן שמע ישראל. זיין שמע ישראל האָט אונדז גע־צויגן כמעט ווי דאָס הירזשען פון די פערד, להבדיל.

## אַ חתונה

קיין אייגענע כליזמר האָט מאַציוו ניט פאַר־מאָגט און אָף חתונה׳ס פלעג מען איינלאַדן די קאַפּעליע פון ליביוונע. אָנגעפירט מיט דער קאַפּעליע האָט יעקב־הירש כליזמר מיט זיינע 3 זין. אָבער די קאַפּעליע איז געווען אַ סך גרעסער. זיי האָבן געהאַט חזקה אין מאַציוו.

כ׳געדענק אַ ווינטערדיקן אָוונט. אַ ווייס־בלוילעכער שניי און אַ שטאַרקער פראָסט. אי־בער מאַציווער גאַסן האָט זיך פלוצים דערהערט דאָס שפּילן פון יעקב הערש׳ס קאַפּעליע. מ׳פירט חתן־כלה צו דער שול. נאָר דאָרטן פלעג מען שטעלן חופות. גאַנץ מאַציוו איז אַרויסגעלאָפן פון די שטובן. יונגוואַרג האָבן געוואָרפן שניי־פּילקעס אָף חתן־כלה. פאַרגרעסערן די שמחה. נאָכן צעברעכן דאָס גלעזל האָט דער גאַנצער עולם געשריגן מזל־טוב און די כליזמר האָבן זיך פריילעך צעשפּילט. דאָס איז געווען דער פריי־לעכער מאַרש פון דער חופּה צו דער גאָלדענער יויך. דער ריח פון דער וועטשערע האָט גערופן ניט בלויז מחותנים, בפרט אַז שיירים פונעם חתונה־קוילעטש איז אַ סגולה געהאָלפן צו ווערן נאָך דאָס יאָר...

האָט פאַרלייגט יעקב הערש זיין פידל אונ־טער דער געמבע — און אַלע טאַנצן אַ פריי־לעכס, אויך די אין פראַסטיקן דרויסן; מנשה דער בדחן שטעלט זיך אָף אַ שטול און הויבט אָן מיט זיינע גראַמען און מיט אויסרופן דרשה־געשאַנק: לייכטער, לעפל, אַ פינגערל, אַ גרויסן טשעהונענעם טאָפּ, אַ פאַטשיילע...

מאַציוו האָט איבערגעלעבט ניט נאָר פריד־לעכע טעג, אָבער וועגן דעם אין — המשך קומט.

אליהו דליגאַטש

# פרץ מאַרקיש אין טשודנעוו־וואָלינסק

געווען איז עס אין יאָר 1918 אָדער 1919. די יידישע ביבליאָטעק אין טשודנעוו גרייט צו אַ קבלת־פּנים און אַ רעציטאַציע־אָוונט פון פּרץ מאַרקיש. געוויינלעך ווערט אַזאַ אימפּאָזאַנטער אָוונט איינגעאָרדנט אין זאַל (שטאַל) פון דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע". די פּייערלעשער אין טשודנעוו זענען גרויסע מכניסי אורחים פון ברענענדיקער ליטעראַטור...



דער יינגער דיכטער פּרץ מאַרקיש

מיר גייען סוף־סוף אָפּן אָוונט. די זאַל איז איבערפולט. אַפילו שטייז איז שוין ניטאָ ווו. „ס'איז אַ גאַנץ הייסע שטימונג", זאָגט צו מיר אַ באַקאַנטער פּייערלעשער, וואָס באַמיט זיך פאַר אונדז אויסצוזוכן אַ פּלאַץ ווו צו שטיין. דער עולם אַפּלאָדירט מיט אומגעדולד.

אָט הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. פּרץ מאַרקיש קומט אַרויף אַף דער בינע און ווערט אויפגענומען מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם איז ווי באַצויבערט פון זיין אויסזען. אַ סימפּאַטיש פּנים מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע האָר. אבאַ'ל זאַלאָטאַר, וואָס זיצט שוין ביים טיש, שטייט אויף רעפערירן אַף דער טעמאַ „די היים פן דיכטער", ווי ס'געווען אָנגעגעבן אין די פּלאַקאַטן. אָבער דער עולם וויל הערן מאַר־קישן. ער רעדט וועגן דיכטונג היינט צו טאָג, אין שווערע צייטן פון מלחמה־נאָך־מלחמה און לייענט פון זיינע לידער. ער לייענט „די קופּע", „דרייצן" און אַנדערע לידער. ער לייענט שיין. קינסטלעריש. דער באַגייסטערטער עולם לאָזט אים ניט אַראָפּ פון דער בינע און פאָדערט נאָך און נאָך...

דער אָוונט ציט זיך ביז שפּעט ביינאַכט. דער עולם שפּאַצירט נאָך אין גאַס און דיסקו־טירט איבערן פאָרטראָג פון דיכטער און זיינע לידער. די טשודנעווער, ניט נאָר די יוגנט, האָבן ווייזט אויס ליב פּאָעזיע. שיינע לידער. און זיי באַגלייטן באַגייסטערטע דעם דיכטער איבער די פאַרשלאָפענע גאַסן פון שטעטל. ס'איז דאָך דעמלט געווען אַ צייט פון „ערב גאולה". מ'האָט דערוואַרט דעם פאַרווירקלעכטן, אמתן (מיט אַן אלף!) סאָציאַליזם־קאָמוניזם. אָט, אָט ווערט מקויים די נבואה פון ישעיה הנביא וועגן אחרית הימים... מיר יוגנט, זענען שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן. יינגע מיידלעך האָט זיך אפשר אויך געחלומט דער שיינער, מאַנסביל־שער דיכטער...

אויף־צו־מאָרגן אָוונט האָבן מיר זיך גע־טראָפן מיט מאַרקישן נאָך אַ מאָל אַף אַ „פּריי־וואַטן אָוונט" ביי מיינע חברים ריבה און משה גרינפעלד־סאַנדאַל, מאַרקישעס קרובים. פּרץ האָט פאַר אונדז געלייענט זיין „נאָכן טעלערל פון הימל", געשריבן פאָלקסטימלעך און גע־שמועסט מיט אונדז דעריבער. איך האָב גע־האַט דעם כבוד זיך מיט אים אַדורכשמועסן וועגן דעמלטיקע, ברענענדיקע טעמעס און כ'האָב פאַר זיך געזען אַ מענטש — אַן אידעאַ־ליסט, אָבער ניט פאַנאַטיש אין זיין אידעאַל.

ס'איז מיר נאָך אויסגעקומען אים הערן נאָך אַ מאָל און צום סוף — אין „פּאַלאַס טעאַטער" אין ביאַליסטאָק ווו איך צוזאַמען מיט זיינע קרו־בים לאה'קע און חיים בראָדסקי־גרינפעלד האָבן געאַרבעט דאָרט אַלס לערער אין דער אָרטיקער ציש"אָ־שולע.

נאָך אין יענע יאָרן זענען מיר געווען "פּאַטריאָטן" פון וואָלינער יידנטום, וואָס האָט שטאָלצירט מיט איר באַגאַבטן, טאַלאַנטפולן און פילבאַרן דיכטער — פּרץ מאַרקיש.

נ. ל.

# פרץ מאַרקיש – דער דיכטער פון פּאָלאָנע

(20 יאָר נאָך זיין דערמאָרדעט ווערן)

פאַרוואָס דווקא „פון פּאָלאָנע״? — ווייל פּאָלאָנע איז אַ וואָלינער שטעטל, און וואָלינער יידן זענען געווען מאַרקישעס גרויסע ליבע אַלע זיינע יאָרן. „וואָלין״ איז איינע פון זיינע ערשטע שאַפונגען. „אין אַלע זיינע וואָגלענישן האָט ער מיטגעשלעפּט מיט זיך זיין היימישן וואָלין, ווי שאַגאַל זיין וויטעבסק״, דערציילט וועגן אים זיין חבר, דער נייער עולה, דיכטער יוסף קערלער. ס׳איז גוט פעסטשטעלן אַז דאָס איז געווען אַ קעגנזייטיקע ליבע. וואָלינער יידישע יוגנט און אינטעליגענץ האָבן ליב געהאַט און שטאָלצירט מיט „זייער״ דיכטער נאָך אין זיינע ערשטע יאָרן אַלס אַזעלכער, ווי דאָס איז שוין צו זען פון די קורצע זכרונות פון ה׳ אליהו דליגאַטש, אַ זייט פריער.

פרץ מאַרקיש איז ניט געבליבן אַ „וואָלינער״ דיכטער אין הענגן זין פון וואָרט. אדרבא. ער איז געווען איינער פון די געציילטע אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָבן שטורמיש צעבראָכן גרעניצן. דאָס איז טאַקע איינע פון די הויפּט־מעלות וואָס באַצייכנט זיינע לידער. ניט אומזיסט האָט ער געשאַפן גייענדיק איבער גאַסן — און דערנאָך שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אַף אַן הויכן סטענדער, ווי פרץ בן משה סמאָלענסקין אין דער השכלה־תקופה. ווייל ווי קאָן מען דען איינזיצן, אַז דאָס ליד ברויזט און שטורעמט? און ער איז געווען שטורמיש און דרייסט אַפילו בימי סטאַלין (אפשר דערפאַר האָט ער אויך געשריבן אַ לויבילד לכבוד דעם טעראָן?). איז דאָך פרץ מאַרקיש געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואָגט און פאַרעפנטלעכט די אַנטיפאַשיסטישע, היפּער־נאַציאָנאַלע פּאָעמע „צו אַ יידישער טענצערן״ נאָכן היטלער־סטאַלינס אָפּמאַך, ווען אַלע אין סאָוועטנלאַנד האָבן געלויבט דעם „דייטשישן ברודער״ און טויב־שטום פאַרשוויגן דעם יידישן מאַסן־מאָרד, וואָס איז שוין געווען אין פולן גאַנג... ער האָט געדיכטעט מיט יידישן שטאָלץ אָן מורא:

אַ שפּרונג וועגן אַ בוים,
וואָס ניט פאַרפלאָנצטערהייט
טראָגט ער די לאַסט אויף זיך
פון בליען און פון וואַקסן.

אַ שפּרונג וועגן דער האַק,
וואָס איז פאַרמאָסטן אויף דיין האַלדז
ווייל ס׳שטייגט פון אים אַ קאָפּ
די זון אַריבער.

ער האָט געוווּסט אַז ס׳דראָט אים דערפאַר אַלע עינויים פון דער געסטאַפּאָ. ווער נאָך האָט געוואָגט מאַכן אין יענער צייט און אין יענעם לאַנד אַזאַ יידישן חשבון מיט דער וועלט, רוסלאַנד איינשליסלעך, ווי מ׳האָט געקאָנט פאַרשטיין אָבער, „לא יברח איש כמוני״ — ניט אַזאַ איינער ווי איך אַנטלויפט פונעם שלאַכטפעלד — האָט ער אַף זיך געזאָגט אַ פאַראַפראַזע פון ביאַליקס אַ ליד, ווי מ׳גיט איבער.

אין יענע און אין שפּעטערדיקע צייטן האָט זיך אין אים צוריק אָנגערופן זיין יידישע וואָלין, טאַטעס וואָס זאָגן תהלים און מאַמעס וואָס בענטשן שבת־ליכט, און ער האָט פאַרעפנטלעכט יידיש־נאַציאָנאַלע לידער וואָס האָבן געאָטעמט מיט הייסער ליבע צום פאָלק און לאַנד („מלחמה״, „טראָט פון דורות״, „קאַווקאַז״ א. אַנד.) ער האָט געשליידערט זיינע יאָ־און ניט־געשליפענע פערזן דער וועלט אין פנים אַריין:

פאַר יעדן טראָפּן פרייד וואָס ערגעץ בלויז
מיר דאַכט זיך
זאָל איך זיי צאָלן
זיבן מאָל אַזוי פיל פּיין.

וויסנדיק אַז אויך ער אַליין האַלט זיך ביים אָפּבריען פון זיי. קערפּערלעך פונקט ווי ער האָט זיך שוין אַמאָל אָפּגעבריט גייסטיק, אין זיין גלויבן אין וועלט און מענטש אין די בלוטיקע טעג פון אוקריינישע פּאָגראָמען, באַלד נאָך דער

אויסלייזנדיקער רעוואָלוציע. זיין חלום איז אין יאָרן אַרום געווען קלאָר פאַר אַלעמען:

שלום צו אַלע די וואָס פאַרבלייבן!
כ׳וועל דערגיין צו דער ערד פון מיין שטאָם.
כ׳וועל דערגיין. ווייל אויף צוויי טויזנט יאָר
בין איך נענטער איצטער צו דיר,
מיין באַשערטע, מיין הייליקע ערד.

און ווירקלעך, ער האָט געצאָלט מיט פיין. ממש איז ער פערזענלעך צו זיין באַשער־טער הייליקער ערד ניט דערגאַנגען. ער איז גע־פאַלן אַ קרבן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידי־שע שרייבער און קינסטלער פון אַן אכזריותדי־קער, חיהשער האַנט...

איצט, נאָכן נאַציאָנאַלן דערוואַכן פון גרויסן טייל פון סאָוועטישן יידנטום ווייסן מיר, אַז די מערהייט פון די יידישע שרייבער, דיכטער און קינסטלער וואָס האָבן דאָרטן געלעבט און אַ היפשע צאָל פון זיי וואָס לעבן דאָרט היינט, זע־נען וואַרעמע יידן און געטרייע זין פון פאָלק ישראל ווי איך און ווי דו. זייער האַרץ איז מיט אונדז, אויך ווען זיי זענען דאָרט, און דער „עמעס״ איז ניט מער ווי אַנגעקלעבט געוואָרן אָף זיי דורך אַ בינטל רשעים. אויך די שאַפונגען פון פרץ מאַרקיש דערציילן דאָס, ווי הונדערט עדות...

יעקב קאַרנאָוו

# חנוכה אין שניילאַנד

אַ גוטמאָרגן אייך שנייעלעך
ווייסינקע, פוכיקע —
אַ פרייד פאַר אונדזערע קינדערלעך
משה׳לעך, שלמה׳לעך.

אַט קומט שוין אַן באַלד זיידע פראָסט
מיט זיין פעלץ און גרויער באָרד.
ער בלאָזט און שאַלט אין זיין שופר,
אין טרומייט:
היי משה׳לעך, שלמה׳לעך,
שוין צייט זיך גליטשן אין די שליטעלעך
איבער פעלדער שוין פאַרשנייטע,
אין וועלדעלעך פאַרחלומטע,
איינגעהילט אין ווייסן קיטל־טלית.

די ווייסינקע בערעזקעלעך
דאָרטן וויינען איינגעבויגן
וואָס דער זומער איז פאַרגאַנגען,
ווי פאַרגאַנגען זענען דאָרטן
זיידעס, באָבעס...

אָבער אין הויכן הימל שטראַלן
שטערנדלעך וואָס פינקלען — ווינקען
צו פייערדיקע פלעמעלעך
פון ליכטעלעך פון חנוכה.

טראָגן אָט די פלעמעלעך
משה׳לעך און שלמה׳לעך
אין זייערע כשרע הערצעלעך.

באַלויכטן גאָר די פלעמעלעך
פאַר משה׳לעך און שלמה׳לעך
יעדן פסוק פון דער תורה.

און ס׳שטאַרקן פלעמעלעך
די יידישע גבורה.

ערגעץ־ווו אין רוסלאַנד
חנוכה, תשל״ג.

אמיר גלבע

# און אויב כ׳בין אוועקגעגאנגען פון דעמלט שטיי איך דאך נאך דארטן

און אויב כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון דעמלט שטיי איך דאָך נאָך דאָרטן
ווי דער שאַמעס וואָס ט׳זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצע נאַכט אַרום־און־אַרום
דער טומאה

ווינטן האָבן געבלאָזן שמייסנדיק און פאַרבלינדעט זיינע אויגן
און אַף צומאָרגנס האָט מען אים געפינען אָן אַן אָטעם
ליגן, אַז ווי איז צו די אויגן וואָס האָבן אים דערין געזען,
פונקט ווי ער וואָלט געבוקט זיך פאַר דער טומאה.

וואָס אַלע זיינע יאָרן האָט ער געדינט מיט ליבע און מיט ציטערניש
און אָט וואָס ס׳איז באַשערט געוואָרן אים דעם גאָטספאָרכטיקן

איז וואָס אויב איך שטיי דאָך נאָך דאָרטן
וויל פאַרשטיין די וועגן פון הימלישער השגחה
וואָס באַצאָלט אַזוי אירע ערליכע וואָס האָבן ניט געפרעגט
און אין טעג די זוניקע זענען געגאַנגען ווי בלינדע אין דער פינצטערניש
און גאָט געדינט מיט ליבע און מיט פורכט

און איך שטיי דאָך נאָך דאָרטן.

פון עברית **נתן ליבנה**

עלען בורקאַ

# די וואנט

(דערציילונג)

אַ דערשראָקענע האָב איך יענעם פרימאָרגן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. וועלכער טאָג איז היינט? — האָב איך זיך געפרעגט און ניט געוווּסט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ וועק־זייגער. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. דוכט מיר, אַז איך האָב געוויינט אין שלאָף. ס׳האָט מיר אַזוי באַנק געטון הלמאַי מיין חלום איז איבערגעריסן געוואָרן. אפשר איז עס געווען אַ חלום אויף דער וואָר? אָבער ניין.

לאַנגע מינוטן בין איך אַזוי געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געפּרוּווט ווידער איינדרעמלען. ווידער פאַרזעצן מיין חלום — אָבער אומזיסט! אַלץ וואָס פאַרשווינדט איז ניט מער ווי אַ חלום...

ענדליך בין איך געקומען צו־זיך. אָנגעטון זיך שנעל און אַרויס פון שטוב. טראָץ די פריאיקע שעהען איז שוין די גאַס געווען שטאַרק באַלעבט. מענטשן האָבן געאיילט צו זייער אַרבעט, קינדערלעך האָבן זיך געאיילט אין שול אַריין און איך — וווהין גיי איך — איך ווייס ניט. אויפן האַרצן איז געווען אומעטיק. עפּעס האָט געפרעסט אויף מיין געמיט. איך האָב נאָך אַלץ ניט געקענט זיך באַפרייען פון מיין חלום. איך בין געטראָגן געוואָרן אויף זיינע פליגל.

גייענדיק אַזוי גאַס־איין, גאַס־אויס אָן אַ ציל, האָב איך פּלוצים געטראָפן אָן אַלטיטשקן, וואָס האָט אויסגעזען באַקאַנט. ער איז געגאַנגען אָנגעלענט אויף זיין שטעקן. זיין הויכע פיגור עטוואָס איינגעבויגן פאַרויס. די טריט לאַנגזאַמע, אָפּגעהאַקטע. ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. זיינע שאַרשענדיקע שיך און שטעקן־געקלאַפּ האָבן שטומפּיק זיך צענויפגעגאָסן מיטן אָפּקלאַנג פון אַספאַלטירטן שאָסיי.

— האַ, ר׳ לייב! ר׳ לייב! — האָב איך זיך דערפרייט, דערקענענדיק דעם אַלטיטשקן. אַ באַקאַנטער ייד פון מיין געבורטס־שטעטל. — אוי, ר׳ לייב, שוין אַזויפיל צייט זיך ניט געזען. קוים דערקענט. פונוואַנען און וווהין אַזוי פרי, ר׳ לייב?

ר׳ לייב האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט זיינע גרויליך־אויסגעלאָשענע אויגן און שווער אָפּגעאָטעמט. אויף זיין געזיכט האָט זיך צעגאָסן אַ לייכט־פאַרוועלקטער שמייכל. ער האָט שטיל געענטפערט.

— מילא, איך יאָק איך... אָט, ווי געוויינלעך יעדן פרימאָרגן אויף אַ קורצן שפּאַציר, אָבער דו — וווהין גייסטו, מיין קינד? האַ? — האָט ער גוטמוטיק און פריינדלעך מיך באַרירט מיט זיין שטעקן.

— האַ, ר׳ לייב, גלויבט מיר, איך ווייס אַליין ניט וווהין איך גיי. ס׳יאָגט מיך די אומרו היינטיקן פרימאָרגן. עס איז דאָך ראש חודש אלול. די ימים נוראים דערנענטערן זיך.

— יאָ, טאָכטערל — איז ר׳ לייב אומעטיק געוואָרן, אַרויסלאָזנדיק אַ טיפן קרעכץ — ווי אַזוי פלעגט מען דאָרט זאָגן ביי אונדז אין דער אַלטער היים: אין חודש אלול ציטערט דאָך אַפילו אַ פיש אין וואַסער...

— האַ, ר׳ לייב, ר׳ לייב, וואָס וואָלט איר דען ניט געגעבן ווען איך וואָלט געקענט כאָטשבי נאָך איינמאָל זען אונדזער אַלטע היים, גיין ווידער אין די פאַרוואָקסענע סטעזשקעס, ווו עס איז געשטאַנען מיין קינדער־וויגל, גיין אויף קבר אָבות...

— יאָ, מיין קינד — האָט ר׳ לייב געענטפערט נאָך אַ לאַנגן שווייגן — די אַלטע היים... עך, עך!...

ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיין עטוואָס־ציטערדיק־אָדערדיקע האַנט, באַרירט מיינע שפּיץ־פינגער און צוגעגעבן:

— גאָט זאָל אונדז געבן אַ גוט, געזונט יאָר, אַ יאָר פון שלום און אַ כתיבה וחתימה טובה...

אין זיינע אויגן־ווינקלען האָט זיך באַוויזן אַ פּערלדיקע טרער. ער האָט מער גאָרניט געזאָגט. זיין האַנט אָנגעדריקט פעסט אויף זיין שטעקן און איז אַוועק, שאַרשענדיק מיט זיינע אַלטע שיך אויפן געפלאַסטערטן טראָטואַר. אָן איינגעגראָבענע אונטער זיך בין איך געבליבן שטיין אינמיטן דער רוי־

שיקער גאַס. זיך ניט געקענט ווייטער רירן. ר׳ לייב׳ס געשטאַלט האָט מיר אַזויפיל דערמאַנט, אויפ־געלעבט פאַרגאַנגענע טעג, זכרונות פון נאָענטן עבר...

לאַנג־לאַנג בין איך נאָך געשטאַנען און נאָכגעקוקט ר׳ לייבן, ביז ער איז פאַרשווונדן געוואָרן אין ראָג פון גאַס. איך האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער. גאַס־איין, גאַס־אויס. ביז... ניט ווויסנדיק וויאַזוי און ווען, איך האָב זיך דערזען ביי אַן אויטאָבוסן־סטאַנציע. מענטשן האָבן זיך געשטופּט אין אויטאָבוס אַריין און איך צווישן זיי. ניט פרעגנדיק אַפילו וווהין דער אויטאָבוס פאָרט, בין איך איינגעשטיגן אינווייניק, געזעצט זיך ביי אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט אין טומלדיקן דרויסן. דאָס געשטאַלט פון ר׳ לייבן איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פון מיינע אויגן...

דער אויטאָבוס האָט גערירט און איז געפאָרן שנעל־שנעל איבער גאַס און געסלעך, זיך פאַרהאַלטן ביי פאַרשידענע סטאַנציעס. מענטשן זענען אויסגעשטיגן און איינגעשטיגן און ווידער האָט דער אויטאָבוס זיך געשלענגלט פאָרויס. ווי לאַנג בין איך געפאָרן אַזוי? — אפשר מינוטן, מעת־לעתן, אָדער גאָר אייביקייטן! — — —

ווידער האָט זיך דער אויטאָבוס אָפּגעשטעלט און כמעט אַלע מענטשן זענען אויסגעשטיגן. בלויז איך און נאָך צוויי פרויען זענען געבליבן מיט מיר.ביידע זענען זיי געזעסן אין אַ ווינקל פאַרטראַכטע און אומעטיקע, איינגענורעט אין־זיך.. אויף זייערע קעפּ — גרויע טיכלעך. די אויגן פאַרשטעלט מיט טונקעלע זון־ברילן. איינע פון זיי האָט געהאַלטן אַ קראַנץ געלע בלימלעך. אין דער האַנט פון דער צווייטער — אַ סידור, אָדער מחזור...

פלוצים איז איינע פון זיי אויפגעשטאַנען פון אָרט, איז צו צום שאָפער און אים שטיל עפּעס געפרעגט. מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט דעם שאָפערס ענטפער:

— זיצט רויק, גברת, איך וועל שוין מעלדן ווו איר זאָלט אויסשטייגן...

און דער אויטאָבוס האָט גערירט ווייטער. מיר איז עס געוועהן אַלצאיינס. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן. כ׳האָב געוואָלט פאָרן אַזוי אָן אַ סוף. אַנטלויפן פון זיך. פאָרן ערגעץ ווייט־ווייט...

מיטאַמאָל איז אָבער דער אויטאָבוס געבליבן שטיין. דורכן פענצטער האָב איך דערזען אַ ברייטן שטח. דער שאָפער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די צוויי פרויען און איך האָב אויפגעכאַפּט זיין אויסרוף:

...— וואָלין!!! — — —

מיין האַרץ האָט האַסטיק אַ פלאַטער געטון: דער חלום?!... הייתכן?...

ביידע פרויען האָבן שנעל אויסגעשטיגן. איך האָב זיי געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָכרופן, עפּעס פרעגן, אָבער זיי זענען שוין געווען ווייט־אינדרויסן. זיי זענען ניט געגאַנגען, נאָר כמעט געלאָפן און איך — נאָך זיי. פלוצים זענען זיי נעלם געוואָרן און איך — אין זייערע טריט, ביז... פאַר מיינע אויגן איז פלוצים אויסגעוואַקסן אַ גרויסער בנין פון אַ באַזונדערן געבוי. דוכט מיר, אַז אָט די ביידע פרויען זענען אַריין אין אים. ווי מיט אַ כישוף, אָדער דורך אַ פאַרבאָרגענעם כוח, האָט מיך אַ צי־געטון אַהין. מיט מידע טריט האָב איך זיך דערנענטערט צום בנין און אַריין אינווייניק. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ריזיקע וואַנט, און פון דער וואַנט האָבן אַראָפּגעשריען צו מיר פייערדיקע אותיות, נעמען פון שטעט און שטעטלעך, אַזעלכע נאָענטע צו מיין האַרצן: סאַרני... ראָוונע... קאָוועל... דאָמבראָוויץ... לודמיר... וולאַדימערעץ... בערעזשניץ... וויסאָצק... קאָרעץ... קאָסאָטאָפּאָל... ראָפּאַלאָווקע... און נאָך... נאָך...

עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גרויל, געגומען שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב געוואָלט אַנידער־קניען און דאַווענען. שרייען! שרייען, אַז די הימלען זאָלן זיך שפּאַלטן, וועלטן זאָלן אויפגעטרייסלט ווערן!... ליידער, איך האָב ניט געקענט. אין האַלדז האָט געשטיקט. דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן. פאַרקלעמט. בלויז מיינע ליפּן האָבן אין ציטער געמורמלט פיבערדיק: גאָט מיינער! הייתכן?!! אַזויפיל שטעט־און־שטעטלעך! אַזויפיל טייערע יידישע קהילות, נאָענטע אַזעלכע צום האַרצן, זענען געבליבן אויסגעקריצט בלויז אויף דער וואַנט? נאָר אויף אַ וואַנט!? אה, גאָט, איז עס וואָר? איז עס מעגלעך? ווו זענט איר טייערע יידן פון די דאָזיקע שטעט, שטעטלעך, און דער־פער? ווו?...

איך בין צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער וואַנט און זיך שטיל צעכליפּעט, ווי אַ קינד. לאַנג־לאַנג בין איך אַזוי געבליבן איינגענורעט אין דער וואַנט. און אָט... האָט די וואַנט זיך פלוצים צעעפנט פאַר מיר

און איך האָב זיך דערזען שפּאַצירן איבער די גאַסן פון מיין געבוירנשטאָט. איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע. אַ האַרבסטיקער טאָג. פאַרגעלבטע בלעטער פאַלן שוין פון די ביימער. עס בלאָזט אַ קיל אלול־ווינטל. חודש אלול. איינער פון די אלולס אין מיין קינדהייט. דער ווינט שויבערט מיינע גאָלד־בלאָנדע צעפּ. אויף מיינע אַקסל די „סומקע" מיט ביכער און איך... איך איַל זיך אין דער „תרבות"־שולע, ווו איך לערן.

איך גיי פון „זאַפּאַליעסקיע", פון דער ריצעסקע־גאַס, ווו עס געפינט זיך מיין טאַטנס שטוב. איך גיי פאַרביי דעם וואָקזאַל, לויף שנעל אַדורך די רעלסן. אויפן „פּעראָן" שטייען פיל מענטשן, די מער־הייט — יידישע פנימער. עלטערן געזעגענען זייערע קינדער, וואָס פאָרן אָפּ מעבר לעם, קיין ארץ־ישראל. עס פלעכטן זיך פעסט יוגנט־הענט אין אַ „האָראַ"־טאַנץ. הילכיקער געזאַנג: אנו עולים ארצה.... מאַמעס לאָזן אַ טרער. נאָך אַ קוש און נאָך אַ דריק. זאָלסט שרייבן, מיין קינד, זאָלסט שרייבן. פאַרגעס ניט... אַ בריוועלע דער מאַמען...

אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו. דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט אַרויס אַ געדיכטן רויך און אַ קרעכץ. נעמט זיך רירן פון אָרט. רעדער־געקלאַפּ פאַרטויבט מאַמישע טרערן און געזאַנג: שאַ־שאַ־שאַ... שאַ־שאַ־שאַ!... פענצטער עפענען זיך. הענט שטרעקן זיך אַרויס צום לעצטן ‚זיי געזונט'. צעשטראַלטע פנימער. אַ מאַמע צעכליפּעט זיך אויף אַ קול. די באַן פאַרשווינדט אָבער שנעל, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אומעטיקע בענקשאַפט...

אַ פאַרבענקטע לאָז איך זיך גיין ווייטער. איצט גיי איך פאַרביי דעם שטאָט־פּאַרק. דאָ האָב איך מורא פאַרבייגיין אין די נאַכט־שעהען. „קאַלייאַזשן" און „נאַכט־פייגל" דרייען זיך דאָ אַרום צע־שיכורטע. איך נעם זיך אויף רעכטס. אָט איז די צענטראַלנע גאַס. אייניקע אָראַנדוקעס זענען שוין אָפן. איך כאַפּ זיך אַריין אין זאַבראַנסקיס אָראַנדוק און קויף מאַראַזשינע און אַ פּאָר צוקערלעך, וואָס זענען געוויקלט אין קאָלירטע פּאַפּירלעך מיט רויטע וויינשעלעך אינדערמיט.

איך פאַרלאַנגזאַם מיינע טריט. אָט איז באַרזאַמס גרויסע אַפּטייק. קאָנטאָראָוויטשעס שוך־געשעפט. און אָט איז שוין די „טשעציעגאָ מאַיאַ"־גאַס אָדער ווי מען רופט זי „די ברייטע גאַס". יידן מיט טליתים אונטער די אָרעמס איילן זיך צו ‚שחרית' און איך — אין שולע אַריין.

איך דערמאָן זיך פּלוצים, אַז איילנדיק זיך האָב איך פאַרגעסן מיטנעמען עסן. איך כאַפּ זיך אַריין צו דער „מומע" סטאָליאַר. זי פאַרקויפט פרישע געבעקסן — פלעצל מיט ציבעלעס, קיכעלעך באַשאָטן מיט צימרינג, חלה'לעך, וואָס זענען פאַרברוינט און אויפגעשפּאָלטן אינדערמיט. בלויז צוואַנציק גראָשן. נעם, נעם מיין קינד. אפשר האָסטו קיין געלט איצט, מאַכט ניט אויס, וועסט באַצאָלן אַ צווייט מאָל. עס געזונטערהייט, מיין קינד...

אַ טייערע, האַרציקע פרוי, אָט די „מומע" סטאָליאַר! איך קויף אַ חלה'לע און איַל אַוועק אין דער ריכטונג פון דער „תרבות"־שולע. אָט איז די פּאָמפּע אויף דער ברייטער גאַס. אַנטקעגנאיבער בריקס גרויסער מויער. עס איז אַ מאַרק־טאָג. דאָ קומען פאָר יאַרידן. האַ, עס איז דאָך היינט דאָנער־שטיק. דער ברייטער מאַרק איז שוין פאַרפולט מיט פויערישע פורלעך, וואָס זענען אָנגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפער. די האַמעטנע וועגענער זענען אָנגעפולט מיט תבואות, קאַרטאָפל, געטריקנטע יאַגעדעס און גריבעס. אויף אייניקע וועגענער ליגן געבונדענע קעלבלעך, שעפּ, גענדז, קאַטשקעס און עופות. צוגעבונדענע קי, אויסגעשפּאַנטע פערד שטייען ביי די וועגענער־דראַבינעס און סקיבען די פריש־געקאָשעטע גראָז. דאָס הירזשעריי פון פערד, מוקעריי פון בהמות און שאָף; גאַגעריי פון די גענדז און קאַטשקעס פאַרפולן דעם אַרום און גיסן זיך צוזאַמען אין איין יאַריד־סימפאָניע...

יידן, וואָס האָבן באַוויזן איבערצוכאַפּן דעם פרישטיק, דרייען זיך אַרום צווישן די וועגענער, באַטראַכטן די פויערישע סחורות, דינגען זיך מיט די פויערים, קויפן און פאַרקויפן, אָדער טוישן סחורות אויף סחורות...

ביי אייניקע וועגענער שטייען יידישע מאַמעס און קויפן עופות. זיי בלאָזן צווישן די פעדערן און זענען בודק צי די הינער זענען גענוג פעט. עס איז דאָך אלול אויף גאָטס וועלט, מען דאַרף גרייטן ‚כפרות' אויף יום־כיפור...

פריילעך אין שטעטל. דער רעש און געטומל וואַקסט אָן. אייניקע פויערים האָבן שוין באַוויזן צו פאַרקויפן זייערע סחורות און גייען האָפערדיק איבערן מאַרק. זיי זענען געקליידעט אין גרויע קורטאַשן און סיערגעס. זייערע פעסטע טאַליעס צרומגעגאַרטלט מיט רויטע ‚פּאַיאַסן'. די ברייטע לייוונטענע הויזן אַריינגעלאָזן טיף אין די דיאָכט־שטיוול, אָדער איבערגעבונדן ביי די קאָלאָשוועס מיט רימענעס פון די ליקע־פּאַסטאָלעס. די אויבערהעמדער אויסגענייט מיט צלם־שטאָך. זייערע געזיכטער אָפּגעברענט

פון זון־און פעלד־ווינט. די פלאַקסענע טשופּרינעס אַראָפּגעהאַנגען איבער די הויכע שטערנס און ווייען אָן אומהיימלעכקייט און פאַרשטעלטע כוונות. יעדע ווילע טוען זיי אַ שנייד דורך די לופט מיט זייערע לאַנגע בייטשן, וואָס לאָזן אַרויס אָן אויסגעצויגענעם, שאַרפן פייף און גרילץ...

נאָך זיי גייען נאָך זייערע ווייבער, די פויערטעס. זיי זענען געקליידעט אין געמאַרשטע ספּוד־ניצעס און ענגע גאָרסעטן.. מיט צעפּלאָמטע געזיכטער און געבלימטע פאַטשיילעס אויף די קעפּ. אין זייערע הענט טראָגן זיי ווייס ברויט, הערינג, זאַלץ און שוועבעלעך אָדער שטיקער ביליקן שטאָף, וואָס זיי האָבן נאָך לאַנגע דינגענישן איינגעהאַנדלט אין די יידישע „שניט״־קראָמען.

איך גיי ווייטער. אָט איז דער ‚זאַדאַראָמניק׳. ער שטייט אויף אָן איבערגעקערטן קאַסטן, און שרייט אויס זיינע סחורות. די גאָלף־הויזן אַריינגעלאָזן אין גלאַנציקע שטיוול. די טאַשן פול מיט קליין־געלט. זיין פּנים איז צעפּלאָמט. ער רייסט זיך אויף קולי־קולות אין דער פּוילישער שפּראַך: טילקאָ זאָ יעדען זלאָטי! בלויז פאַר איין זלאָטי! און נאָר היינט!... אומזיסט!... מאָרגן פאַר געלט!... קויפט, קויפט! ווי זענט איר, טייערע קונים? אויב עס איז אייך ווייניק איז אָט נאָך אַ שפּיגעלע! נאָך אַ שפּילקעלע! אַ קעמעלע! אַ פינגערל! גאָלע־גאָלד!... אומזיסט! אַ מציאה פאַר גנבים!... און בלויז היינט! זאַ־דאַררראָם!...

איך שטיי אייניקע מינוטן, ווער פאַרכאַפּט פון די „גרויסע מציאות״, וואָס דער ‚זאַדאַראָמניק׳ הערט ניט אויף אויסצורופן און לייגן צווישן די פינגער, דערמאָן זיך אָבער פלוצים: אוי, די ערשטע לעקציע!... שטופּ איך זיך אָדורך די אָנגעהויפטע וועגענער און לויף שנעל אין שול אַריין. אָט איז שלמקה דעם שוחט׳ס שטוב. ווייבער און אייניקע קינדער שטייען דאָ מיט עופות אין די הענט און וואַרטן אָפּ דעם שוחט, וואָס איז נאָך ניט געקומען פון דאַווענען. מאָרגן איז דאָך ערב שבת...

אַ ביסל ווייטער: בירג׳ס „הורטאָווניע״.. אַ נידריק יידל מיט אַ פעט בייכל און הדרתדיקער באָרד שטייט שוין אויפן שוועל פון זיין „סקלאַד״. זיין „ציבולניצע״־זייגער אויף דער גאָלדענער קייט, הענגט אים אַריבער אין דער קאַמיזעלקע־קעשענע און גיט אים צו גבירישע תקיפות. בשכנות מיט זיין געשעפט געפינט זיך די קראָם פון ר׳ פסח. ער שטייט און עפנט דעם אַראָפּגעלאָזענעם לאָדן. די ציצית פון זיין לאַנגן טלית־קטן באָמבלען זיך אים אַרונטער און גיבן צו אַזויפיל יידיש שטימלעכקייט.

איבער דער גאָס — דאָס גרויסע הויז פון די נעגעלס. דאָ געפינט זיך די יידישע קהילה און דער־נעבן — ר׳ נחומ׳ס שענק. פויערים שטייען מיט פלעשער בראָנפן אין די הענט און זופן געמיטלעך די „האַרילקע״. זייערע פּנימער זענען צעפּלאָמט און די קאַרקן צערויטלט...

אָט איז ר׳ לייזערס נאָפט־‚ראַזוואָר׳. שמואל זינגערמאַנס „סקלאַד״. דאָ שטייען יידישע קרעמער פון דער סביבה און קויפן איין סחורות פאַר זייערע קרעמלעך. און אַ ביסל ווייטער פונדאַנען די ‚קופּיעצסקיע׳ שול, די בערעזנער שול, די סטאָדינער, די טריסקער און נאָך און נאָך. צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך אַ קול פון תפילות. איך זע די בלייכע פּנימער פון די מתפללים. זייערע תפילות דרינגען אַריין טיף אין מיין נשמה. ימי תשובה היינט...

און גלייך דערנעבן דאָס הויז פון הרב געכטמאַן און די שטוב פון הרב קונדא. דאָ אַהער צו דער רביצן, קומען יידישע מאַמעס קויפן הייוון, באַקן חלות אויף שבת...

און אָט איז „משיח דער משוגענער״. יאָ, אויך ער איז געקומען אויפן יאַריד. האָ, משיח! ווי תמיד איז ער געקליידעט אין אַ רעקל מיט לאַנגע אַרבל, ניט לויט זיין מאָס, וואָס עמיץ האָט אים געשענקט. אויפן קאָפּ טראָגט ער זיין אייביק קאַלירלאָזע „אָפּגעשאָסענע״ שליאָפּע מיט אַ לאָך אין דערמיט. זיינע פיס — באָרוועס. זיין קערפּערל — מאָגער און אָפּגעצערט. בלויז זיינע אויסגעלאָשענע אויגן שמייכלען מיט אַזאַ מאָדנע־נאַרישן שמייכל.. אַ געווימל קינדער, צווישן זיי וואָס איילן זיך אין שולע, ווי איך, רינגלען אים אַרום; שפּיל, משיח! שפּיל! דו שפּילסט דאָך אַזוי שיין!...

און משיח לאָזט זיך לאַנגגיט בעטן. ער נעמט אַרויס פון זיין טאָרבע איינע פון זיינע פייפעלעך און נעמט גלייך שפּילן. עס נעמט אַזש אָןביים האַרצן. אַ סך שיינע ניגונים ווייסט משיח דער משוגענער אויסצופייפן פון זיינע כישופדיקע פייפעלעך. פאָלקס־ניגונים און ניגונים פון מאָדערנע טענץ. נאָך יעדער פאַרענדיקן דעם ניגון פרעגט ער: שיין, האָ? און זיינע אויסגעלאָשענע אויגן צעצינדן זיך מיט פאַרבאָרגענע וועלטן... ער גייט איבער פון ניגון צו ניגון. אָט שפּילט ער ווי אַזוי אַ בדחן באַזינגט אַ כלה און אָט פירט ער התן־כלה צו דער חופּה. אַ פריילעכס, אַ מחותנים־טאַנץ — אַ מחיה נפשות!... שפּיל „כל נדרי״, משיח, שפּיל, דו שפּילסט דאָך אַזוי שיין! און משיח שפּילט... שפּילט... — — —

אָבער אָט טוט עמיץ פון די ייִנגלעך פלוצים אַ וואָרף אַ שטיינדל אויף משיחן. סתם אַזוי אויס

ליצנות, אָדער פאַרשייטקייט, און משיח רייסט גלייך איבער דאָס שפּילן. ער נעמט נאָכיאָגן די קינדער. מיר אַנטלויפן פון אים און בלייבן שטיין פונדערווייטנס, קוקן ווי משיח דערנענטערט זיך צו אַ פויערישן וואָגן, טוט אַ כאַפּ פון אַן אָפענעם זאַק אַן עפּל און בייסט זיך שנעל איין אין אים מיט זיינע גרויע ציין. דער פויער באַמערקט עס און נעמט אים נאָכיאָגן. משיח אַנטלויפט און שיסט אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער. לאַכט פון דעם פויער, פון זיך און אפשר פון דער גאַנצער משוגענער וועלט...

— אוי, די שולע! — דערמאָן איך זיך. פאַרלאָז שנעל משיחן און לאָז זיך לויפן ווייטער.

...מיינע פיס בלייבן שטיין ביים אַלטן בית הקברות. קבצנים מיט פּישקעס אין די הענט שטייען און זיצן דאָ שוין מיטן פרימאָרגן ביים פּלויט און בעטן נדבות. זייערע הענט שטרעקן זיך צו מיר מיט רחמימדיקן אויגן־געבעט: גיב, מיידעלע, אַ נדבה! גיב, גיב און מיר וועלן בעטן גאָט פאַר די נשמות פון דיינע טייערסטע און ליבסטע!...

איך פאַרטייל זיי מיינע לעצטע גראָשנס, אָבער זייערע הענט הערן ניט אויף זיך שטרעקן צו מיר: גיב מיידעלע אַ נדבה! גיב! גיב!... איך ווער דערציטערט פון אַזויפיל בעטנדיקע הענט, פון זייערע רחמימדיקע בליקן, בלייכע פנימער. מיין גאָט, אַזויפיל קבצנים האָסטו באַשאַפן פון דיין אתה־בחרתנו־פאָלק, אַז זיי קומען אַזש דאָ אַהער, צום אַלטן בית הקברות, כדי באַוויינען די לעבעדיקע און טויטע צוזאַמען!... גאָט!

...מיינע ציטערדיקע פיס טרעטן אַריין אינווייניק, אויפן „בית החיים". איך בלאָנדזשע צווישן די אַלט־אייגעבויגענע מצבות, זוך דעם קבר פון מיין טאַטן, זכרונו לברכה. ער איז געשטאָרבן ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד. אַ צדיק געווען מיין טאַטע, געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און די מערדערישע האַנט האָט אים ניט דערגרייכט...

איך פאַל־צו צום קבר פון מיין טאַטן. מיינע אויגן ווערן אויסגעטריקנט פאַר געוויין. מיט אַ ציטער־דיקער האַנט באַריר איך דעם קאַלטן מצבה־שטיין און איך ווייס, אַז דאָ ניט ווייט געפינען זיך די איבעריקע קברים פון די טייערע און ליבסטע — די קברים פון די קדושים. צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך פון דאָרט אַ שוידערלעכער „אל מלא רחמים", אָבער דעם בית־עלמין־שמש זע איך ניט. איך פיל ווי די כוחות פאַרלאָזן מיך. מיינע קניען ברעכן זיך. אַרום האַרצן נאָגט, נאָגט ביז חלשות. בלויז די ליפּן מיינע מורמלען שטיל אַ תפילה אַן ווערטער... צום אויבערשטן פון הימל. ער זאָל מיר געבן כוח איבערצוטראָגן אָט די ליידן. איך בין דאָך ניט מער, ווי אַ קליין אומשולדיק־תמימותדיק מיידעלע, וואָס טראָגט בלויז אַ „סומקע" מיט ביכער אויף אירע יונגע אַקסל און שטרעבט צו אַ שיינער וועלט — ווו דער טויט האָט ניט קיין שליטה...

די צוויי פרויען זענען געשטאַנען ניט ווייט פון מיר, אַלע דריי זענען מיר דאָרט געשטאַנען און געוויינט. איינע פון זיי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם קראַנץ געלבע בלימלעך אין אירע הענט. די צווייטע איז געשטאַנען מיטן אויפגעמאַכטן סידור און טרערן זענען געפאַלן פון אירע אויגן, זייערע ליפּן האָבן געמורמלט שטיל־אָפּגעהאַקטע ווערטער, אָבער מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט בלויז איין וואָרט, וואָס האָט ניט אויפגעהערט זיך איבערחזרן: מאַמע... מאמע... מאַמע...

איך געדענק ניט ווי לאַנג מיר זענען דאָרט אַזוי געשטאַנען פאַרזונקען אין אונדזער אבלות, ווען איך בין געקומען צו־זיך האָב איך זיך דערזען שטיין אַ פאַרגליווערטע נעבן דער וואַנט אויף וועלכער עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון אונדזערע אומפאַרגעסלעכע שטעט און שטעטלעך. אַ שכינהדיקע שטילקייט האָט דאָ געהערשט אַרום. דוכט מיר, אַז איך האָב געהערט אַ בת־קול, אָדער ספק־אַ תפילה, ספק־אַ געשריי: קומט, ליבע מענטשן פון וואָלין, קומט אַהער! קומט ווען אין אייערע הערצער דערוואַכט די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים, צו דער היים וועלכע איז מער ניטאָ און וועט מער קיינמאָל ניט זיין! קומט צו דער דאָזיקער וואַנט! צו דער וואַנט פון „היכל וואָלין" — ווו אַזויפיל דישע וואָלינער קהילות זענען בלויז פאַרבליבן אויגעקריצט מיט ברענענדיקע אותיות אויף איר. מיט אותיות פון פייער און אַש.

# ביכער

## ד״ר אריה מענטשער
## א שיין ליטעראריש ווערק וועגן אן אינטערעסאנט וואלינער שטעטל

**פנקס אלכסנדריא — ספר יזכור. געזאַמלט פון שמואל יזרעאלי, רעדאַקטירט פון נתן ליבנה. אַרויסגעגעבן פון ועד יוצאי אלכסנדריא אין ישראל, תל־אביב, תשל״ב. 314 זז.**

ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די וואָס שטאַמען פון ידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע, אין קעגנזאַץ פון די קהילות פון צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע, טוען אַ געבענטשטע אַרבעט אַרויסברענגענדיק זכרונות פון אַ מאָל, פאַראייביקנדיק אין בוך דעם מהות פון זייערע קהילות. ס׳ממש צו באַוווּנדערן: וואָס קלענער ס׳איז די קהילה און שטעטל, אַלץ מער באַמיען זיך אירע לאַנדסלייט פאַרפלאַנצן איר זכרון אין די הערצער פון קינדער און קינדס־קינדער, און ס׳קיין ווּנדער ניט. זייער גייסטיקע פאַרבינדונג מיטן עבר איז אַ סך טיפער; דער קאָנטאַקט צווישן זיי, אין יענער צייט, איז געווען אַ סך נאָענטער, און די שרידים פון די בני־עיר, אומעטום ווו זיי זענען, היטן אויך איצט אָפּ דעם פאַמיליע־און־פריינדשאַפטס־קנופּ, ער זאָל חלילה ניט איבערגעריסן ווערן.

די שארית הפליטה פון די שטעטלעך געדענקען מיט האַרצווייטיק וואָס זיי האָבן פאַרלוירן — שוין אָפּגערעדט פון די שרעקלעכע אבידות פון טייערע לעבנס וואָס זיי קאָנען ניט פאַרגעסן — דעם יידישן לעבנסשטייגער און זייערע פערזענלעכע איבערלעבענישן אין ענגן קרייז פון זייער שטעטל; זענען דאָך אַלע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע שטעלונגען געוווען אין זייערע הענט, צי זיי האָבן דאָס געוואָלט אָדער ניט, אָנהויבנדיק פון וואַסער־טרעגער, בעל־מלאכה, אַפּטייקער און אַרצט, ביז דעם ראש פון שטעטל. אַלע זענען זיי געווען אחינו־בני־ישראל. דאָך האָבן זיי ניט אויפגעהערט גלויבן און וואַרטן אַף דער גאולה. דאָס איז שוין געווען אין זייער בלוט, נאָך אַלע צרות און פאַגראָמען — זייער שטענדיקער גורל — פון צייט צו צייט.

שוין אַ היפּשע צאָל זכרונות־ביכער אין עברית, יידיש און אויך אין פרעמדע שפּראַכן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע צענדליקער יאָרן. אויך היינט דערגייט צו אונדז פון־מאָל־צו־מאָל די בשורה פון אַ ניי דערשינענעם בוך. אָט ליגט פאַר אונדז „פנקס אַלכסנדריא, ספר יזכור״. איך לייען און איך קאָן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי ס׳איז געלונגען געציילטע שרידים פון גאַר אַ קליין שטעטל, וואָס אין די יאָרן 1920—1925 האָבן דאָרט געלעבט ניט מער ווי 300 משפחות (ז׳ 33) — אַרויסגעבן אַזאַ שיינעם בוך און מיט ליטעראַרישן אינהאַלט וואָס איז ראוי פאַרצייכנט צו ווערן. ניט אַנדערש, נאָר אַז אין שטעטל האָבן געלעבט יידן רייך אין גייסט און מיט אָן אָפּענער האַנט. דאָס ספּעציפישקייט פון בוך איז שוין צו זען פונעם פאַקט וואָס ער איז געשריבן בלויז עברית, אין קעגנזאַץ פון דער מערהייט זכרונות־ביכער וואָס זענען געווינטלעך, אַ געמיש פון עברית, יידיש און אויך ענגליש אָדער ספּאַניאָליש. אָבער באַלד פאַרשטייען מיר די סיבה: „אין אַלכסנדריא — אַלע ווי איינער האָבן גערעדט עברית״ (ז׳ 7).

לויט טבע־הדברים און לויט ס׳אָנגענומען, זענען כמעט אַלע אַרטיקלען און נאָטיצן געשריבן פון שטאָטישע זעלבסט. עטלעכע פון זיי וואָס ס׳איז קאָנטיק אַז זיי פאַרשטייען דעם סוד

פון שרייבן, און די מערהייט יידן פון אַ גאַנץ יאָר. דאָס איז ניט קיין חסרון, איז דאָך די מערהייט נאָטיצן געשריבן פון פערזענלעכן, סענטימענטאַלן שטאַנדפונקט. איין אָדער צוויי אַרטיקלען וועגן געשיכטע, דעמאָגראַפיע און פאַך־פונאַנדערטיילונג פון די איינוווינער א. אַ. וו., וואָלטן אפשר צוגעגעבן דעם פנקס מער ווייסנשאַפטלעכע וואָגיקייט, אָבער אפשר האָבן די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר דאָס בכיוון אויסגעמיטן לשם גייסטיקער הנאה און — גם זו לטובה.

די פינף אַריינפיר־אַרטיקלען זענען אויסערגעוויינלעך שיין און רירן ביים האַרצן פון לייענער מיטן עצבותדיקן בילד וואָס באַקומט זיך פון זייער מאָלן דאָס לעבן פון יידן אין שטעטל. „די גרויסקייט פון דער קליינער אַלכסנדריא" (ז"ז 16—19), איז געווען אין איר רוחניות, חלוציזם און אירע יוגנט־באַוועגונגען. אין דער „דערציילונג פון שטעטל" ווערן געמאָלן קלאָרע בילדער וועגן דער „ממשלה פון גייסט" אין אַלע אירע אָפּצווייגן און פון פאַרשידענע ווינקעלעך פון יידישן לעבן אין שטעטל. ניט פאַרגעסנדיק טראַגישע שילדערונגען פון בילבולים, פּאָגראָמען, איבערלעבענישן פון זעלבסטשוץ און פון דירעקטער, דערציערישער אַרבעט. ס׳באַקומט זיך אַ בילד פון ערנסטע אויפטועכצן און מעשים סיי פון אינערלעכן אויסלעבן זיך פון די אַלעכסנדריִער סיי פון גייסטיקן און פראַקטישן צוגרייטן זיך צו דער עלייה קיין ארץ־ישראל.

אַ ביאָגראַפישן און היסטאָריש־ליטעראַרישן ווערט האָט די אָפּטיילונג „פערזענלעכקייטן און געשטאַלטן" (ז"ז 89—194) און פרטים וועגן זיי וואָס ווערן איינגעוועבט אין אַרטיקלען אין אַנדערע אָפּטיילונגען. מיט קלאָרע שטריכן שווימען פאַר אונדז אויף סיי פאָלקסמענטשן סיי רייכערע אין גייסט, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין שטעטל און עטלעכע פון זיי האָבן דערגרייכט אַ בכבודיקן מעמד אויך אין ישראל.

הרב ר׳ חיים ניסן זאַקס, דער לערער ר׳ אלימלך בליי, הרב ר׳ משה שטערנבערג פון כפר פינעס — „אַ מוסטער פון אַ רב" (ז׳ 106) — און שמואל ראָזנהעק (ז"ז 127—146) — אַלע זענען שוין אַפן עולם־האמת. זיין שיינע, רירנדיקע הקדמה ווידמעט דער רעדאַקטאָר בעיקר די צוויי לעצטע. אַ סך פרטים וועגן ראָזנהעקן, וואָס קליין און גרויס אין שטעטל רופן אים „שמואל דער לערער", וועלן געוויס זיין בבחינת אַ נייעס פאַר זיינע פיל פאַרהערער וואָס האָבן אים קאָנען געלערנט, ווי דער שרייבער פון די



שמואל ראָזנהעק

דערציער און באַוווסטער ציוניסטישער עסקן אין וואָלין

שורות, פון דער נאָענט, פון זיין אַקטיוויטעט, אַף פאַרשידענע קולטור־געביטן אין חיפה פון זיין עלייה אין יאָר 1940 ביז ער איז געשטאָרבן אין 1969. אין אַלע אַרטיקלען קומט צום אויסדרוק די אויסערגעוויינלעכע ליבע צו אים מצד די איינוווינער און בפרט מצד דער יוגנט וואָס האָט זוכה געווען דערצויגן ווערן און לערנען פונעם ייִנגן עסטרייכישן אָפּיציר, וואָס איז מגולגל געוואָרן מיטן ענדיקן זיך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין אַלכסנדריא. אַלע זיינע תלמידים האָבן אים פאַרערט און געזען אין אים זייער אויסלייזער.

„געוויס האָבן אַ סך פון זיי אים צו פאַרדאַנקען זייער זיין אין ישראל, ווייל אַ דאַנק אים האָבן זיי איינגעזאַפּט דעם געדאַנק פון גאולה און זיך געריסן עולה זיין ערב דער קאַטאַסטראָפע" — שרייבט נח עירוני (ז׳ 130). שמואל יזרעאלי דערציילט אונדז אַז „די לידער וואָס מ׳האָט געזונגען אין שולע, האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין גאַס און אין שטוב; צו זיינע אינטערעסאַנטע פאָרלעזונגען אין בית־עם און צו זיינע פאָרטראַגן אין די שילן האָט מען געשטראָמט מאַסנווייז כדי אים אויסהערן, ווייל אַלע האָבן אים פאַרערט" (ז׳ 132). דער לייענער וועט זיך געוויס וווּנדערן וואָס דער יינ־

גער ראַזנהעק, האָט אויך געלערנט זיינע תּל־מידים זינגען און גימנאַסטיק. דאָס מערערע מאָל דערמאָנען אים אויך אין אַנדערע ערטער אינעם בוך באַווייזט ווי פאָלקסטימלעך דער מענטש איז געווען און אָפּן פאַרנעם פון זיין געבענטשטער אַרבעט אין משך פון די פינף יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שטעטל.

אויך זשאַבאָטינסקי פיגורירט דאָרט ווען ער האָט קאַנדידירט אין 1906 אין דער „דומע״ אַלס ציוניסטישער פאַרשטייער אין ראָוונער קרייז און זיין רעפעראַט אין שול האָט ער פאַר־ענדיקט מיטן אויסרוף, לויט עדות וואָס האָבן אים דעמלט געהערט: „ניט שלום זאָג איך אייך, נאָר אַף ווידערזען אין ארץ־ישראל״ (ז׳ 44).

פון די אַלע אַנדערע געשטאַלטן איז געוויס כדאי צו דערמאָנען דעם ד״ר מעד. גרשון גרי, וואָס האָט צייטווייליק געאַרבעט אין תּל־חי און דערלאַנגט טרומפּעלדאָרן הילף בעתן אַראַבישן אָנפאַל דאָרט, אָבער ס׳איז ניט געלונגען אָפּ־ראַטעווען טרומפּעלדאָרן און לויט אַ געוויסער עדות, איז ד״ר גרי געווען דער, וועמען טרומ־פּעלדאָר האָט געזאָגט זיינע לעצטע ווערטער „ס׳גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד״ (ז׳ 158).

אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג איז געווידמעט דעם אומקום (ז״ז 197—282). זכרונות פון יענע שווערע צייטן און פראַגמענטן פון טאָגבוך פון שלום גולני וואָס אַ טייל פון זיי איז געבראַכט געוואָרן אין „ילקוט ווהלין״. ס׳איז בולט דער חלק פון די אוקריינער אינעם אומגליק פון די יידן אין שטעטל. זייער רירנדיק איז דאָס באַגע־געניש מיט די זעלנער פון דער יידישער ברי־גאַדע אין אייראָפּע. אין אַנדערע נאָטיצן ווערט דערציילט וועגן דער עליה קיין ארץ־ישראל, די הכנות און די צרות אָפּן וועג. מיטן קאָנצענ־טרירן זיך פון דער מערהייט עולים אין קיבוץ מיזרע פאַרענדיקט זיך דערוויל דער וועג פון אַלכסנדריער עולים צו זייער אויסלייזונג.

אַן אָפּטיילונג וועגן געפאַלענע זין אין די ישראלדיקע מלחמות און באַשרייבונגען וועגן איבערלעבענישן פון די בני־עיר בעת זייער אַרבעט אַף ישראלדיקער ערד, פאַרענדיקן דעם איינדרוקספולן זאַמלבוך, וואָס אַ סך בילדער זענען פאַרטיילט צווישן זיינע בלעטער.

דער בוך איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ בשותּפותדיקער גוט אָרגאַניזירטער אַרבעט, ווו ס׳בולט דער לעבהאַפטער אַנטייל פון דריי־פיר מחברים ספּעציאַליסטן און צו זיי זענען צוגע־שטאַנען עטלעכע שרייבער־דילעטאַנטן. לאָמיר פאַרזען אַ פּאָר אונפאַרמיידלעכע איבערחזרונגען פון באַצייכענען פאַקטן און פון ניט קיין סך פעלערן (ז׳ 137 און נאָך) און לאָמיר אָננעמען מיט אַ גוט געמיט דאָס אַ ביסל איבערטרייבן אין דער אָפּשאַצונג פון פערזענלעכקייטן און זייערע אויפטועכצן (ז״ז 8, 26). אדרבא, מיר דאַרפן מודה זיין און אָקצעפּטירן אַז פאָר אונדז ליגט אַ שיין ליטעראַריש ווערק, געווידמעט דער פאַראייביקונג פון אַן אינטערעסאַנט, יידיש שטעטל. און דערפאַר איז ראוי דער ספר פאַר־רעכנט ווערן צווישן די בעסטע און פּאָפּו־לערסטע יזכור־ביכער.

פון העברעיִשן כתב־יד **חיים באַלצאַן**

שעיה שיכאַטאָוו

# יזכור־בוך ראַטנע

**„לעבן און אומקום״. רעדאַקטירט פון יעקב באַטאַשאַנסקי און יצחק יאַנאַסאָוויטש. אַרויסגעגעבן פון ראַטנער פאַראיינען אין צפון אַמעריקע און אַרגענטינע. בוענאָס־איירעס 1954, יידיש, 799 ז״ז.**

פון דעם פאָרוואָרט פון די רעדאַקטאָרן: „וועלטן גאַנצע גייען אויף פון דער נישט גרויסער וואָלינער שטאָט און די אַרומיקע שטעטלעך... וועלטן רעאַלע און וועלטן חלומות. מיר האָבן דערזען אַ מיניאַטור פון דעם גאַנצן יידישן לעבן...״

פון דעם פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער: „די שארית הפליטה פון חרוב געוואָרענער ראַטנע באַטראַכט דאָס דאָזיקע יזכור־בוך קודם כל ווי אַ מצבה אויפן קבר פון זייער אומגעקומענעם שטעטל. דער דראַנג אַרויסצושרייען פון זיך דעם וויי און מאָלן דעם טויט און אומקום פון אונדזער שטעטל״.

דאָס אויבנגעזאָגטע דורך די רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער שאַפט גלייך די געעריקע שטימונג און באַציונג צו אָט דער וויכטיקער אַרבעט פון אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך.

לויט ידיעות האָבן אין ראַטנע אין יאָר 1965 געלעבט 12 יידישע באַלעבאַטים; לויט דעם צענזוס פון יאָר 1756 האָבן אין ראַטנע געלעבט 210 יידן; אין יאָר 1847 האָט די יידישע קהילה אין ראַטנע געציילט 1.065 נפשות; לויט דער פאָלקסציילונג אין יאָר 1897 — צווישן 3089 איינוווינער 2219 יידן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל כמעט אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן, די יידן אין שטעטל האָבן געוויינטלעך געלעבט פון קליינהאַנדל מיט די אַרומיקע פויערים, קליינע אונטערנעמונגען אין שטעטל, בעלי־מלאכות, שניידער, שוסטער, ווי אומעטום — כלי־קודש, שולן, בתי־מדרשים, חדרים. די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע זאַבלאַטיע — 25 קילאָמעטער פונעם שטעטל. עס האָט זיך דאָ געפילט דער אָפּקלאַנג פון דער אַרומיקער גרעסטער שטאָט בריסק, דער אָפּקלאַנג פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד, אין יאָר 1905. ס׳האָט אין שטעטל עקזיסטירט אַ רייכע ביבליאָטעק. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט עקאָנאָמישע דעפּרעסיע און עמיגראַציע, דייטשישע אָקופּאַציע.

פון יאָר 1920 האָט דאָס שטעטל באַלאַנגט צו פוילן. דער בירגער־קריג, די מאַכט האָט זיך גאַנץ אָפט געטוישט, באָלשעוויקעס, צוריק די פּאָליאַקן. די פוילישע רעגירונג און דער בלוטיקער אַנטיסעמיטיזם, דאָס שווערע עקאָנאָמישע לעבן פון די יידן בימי פוילן..

נאָך פון יאָר 1912 האָט אין שטעטל עקזיסטירט אַ יידישע באַנק, אונטער די פּאָליאַקן איז די צעשטערטע באַנק אויפסניי אויפגעשטעלט געוואָרן. אין שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען די יידן אַלס אַ מערהייט אין שטעטל געווען ווי געהעריק רעפּרעזענטירט.

דאָס יידישע לעבן אין ראַטנע האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט און פאַנאַנדערגעוואַקסן. אין יאָר 1929 איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קהילה.

טראָץ דער שווערער לאַגע פון די יידן צוליבן אַנטיסעמיטיזם, איז דאָך דער קולטורעלער ניוואָ און גייסטיקער מצב ביי די יידן שטאַרק געשטיגן, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין יידישן לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן אומעטום אין אַלע שטעט און שטעטלעך. עס איז געעפנט געוואָרן אַ תרבות־שולע מיט 200 קינדער.

צו דער ביבליאָטעק זענען מיט דער צייט צוגעקומען יוגנט־קלובן. מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פון די גרעסטע שטעט רעדנער, ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ערב חורבן. שוין אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָבן זיך באַוויזן סימנים פון דעם אָנקומענדיקן גרויסן שטורעם וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט, די גרויסע געפאַר פאַר יידן, שווערע וואָלקנס אויף די הימלען. אין יזכור־בוך ווערט געבראַכט אַ סעריע בריוו פון ראַטנער יידן צו זייערע קרובים און פריינט אויף דער ברייטער וועלט, אין די בריוו קומען צום אויסדרוק די טיפע אידיישע ראַנגלענישן וואָס קומען פאָר אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין צייט ווען די יידן זענען אויסגעשטעלט אויף רדיפות פון די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען. עס אָטעמט אויך

אַרויס פון די בריוו די יידישע עקשנות, דער טיפער גלויבן און בטחון.

דער חורבן. דעם 23־טן יוני 1941 איז ראטנע אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן, די נאַצים. פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך ווו די דייטשע מערדער באַלעבאַטעווען דערגייען שרעקלעכע גרוסן. די אוקריינישע אונטערוועלט, די פּריצישע און גלחישע זינדלעך זענען אַריין אין שטאָט. אַ פּאָגראָם! דאָס איז געווען זונטיק דעם 16טן יולי 1941, אויף מאָרגן האָבן די אוקריינישע גזלנים באַנייט זייער ווילדע אַרבעט נאָך אין אַ גרעסערן פאַרנעם. די אָנקומענדיקע דייטשן האָבן קאָנטינואירט די ווילדקייטן פון די אוקריינער, העלפן פאַרניכטן די ייִדן. ס׳ווערט געשאַפן אַ יודנראַט. צוליב אַ געוויסע פּראָוואָקאַציע האָבן די דייטשן געפאָדערט אַרויסגעבן 8 יידישע קרבנות. דער רב אהרן שפּירא, דער פירער פון יודנראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די קרבנות, ער האָט געזאָגט „מיך קאָנט איר נעמען...״ די דייטשן האָבן דעם רב און זיין פאַרטרעטער אידל גראבאוו, אומגעבראַכט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די יידן אין ראטנע און אין די אַרומיקע שטעטלעך. צום שטאָלץ פון די ראטנער יידן קאָן מען זאָגן, אַז סיי דער יודנראַט, און סיי די יידן אין ראטנע האָבן אין צייט פון גרויסן חורבן פאַרהאַלטן זיך פריינטלעך און אַרויסגעוויזן איבערגעגעבנקייט איינער צום צווייטן.

מיטוואָך דעם 25־טן אויגוסט 1942 האָט מען אַלע יידן אַרויסגעפירט פון שטאָט צום פּראָכאָדער באַרג און דאָרטן זיי דערשאָסן, אַ טייל יידן האָבן זיך געראַטעוועט און פאַרבונדן זיך מיט דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג.

דער גרויסער חורבן האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, פאַראייניקט אין איין טויטן־מאַרש, רעליגיעזע און פרייע, בונדיסטן און ציוניסטן, אַלע האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אויף די זאַמדיקע בערג פון „פּראָכאָד״ און „ריץ סאפּאנטשיק״.

אין ווייטערדיקן טייל ווערט געבראַכט אַ רשימה פון ראטנער יידן ערב דעם חורבן. פאַמעס און דערציילונגען.

241 בילדער שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן אין שטעטל אויף פאַרשידענע געביטן ביזן חורבן. אַ באַזונדער אָפּטיילונג ברענגט צום אויסדרוק דעם קאַמף פון ראטנער יידן פאַר מדינת ישראל. „טיפן און געשטאַלטן״ שטעלן מיט זיך פאָר זכרונות פון אַ רייע ראטנער יידן אין פאַרשידענע לענדער, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס פילפאַרביקע לעבן אין שטעטל.

# א בוך זכרונות פון „דיאדיא מישא״

**אינזש׳ מ. גילדענמאַן „דיאדיא מישא״, אַרויסגעגעבן אין פאַריז, 1949, מיט דער הילף פון קאָרעצער רעליעף-קאָמיטעט אין באָסטאָן שיקאַגאָ.**

וועגן אינזשעניר גילדענמאַן, דער לעגענדאַרער פאַרטיזאַן „דיאדאיא מישאַ״ איז אַ סך געשריבן געוואָרן, איך מיין אָבער, אַז ס׳איז ניט איבריק נאָך אַ מאָל דערמאַנען זיין אָנדענק.

די דערמאָנטע אויסגאַבע איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט, אין שייכות מיט מיין אויפגאַבע שרייבן אָפּהאַנדלונגען פאַרן ילקוט וועגן דערשינענע יזכור־ביכער פון די אומגעבראַכטע יידישע קהילות אין וואָלין. ס׳זענען דערביי אַרויפגעשווימען אַ ביסל זכרונות. ערשטנס, מיינע צוזאַמענטרעפן מיט משה גילדענמאַן נאָך דער ערשטער מלחמה אין וואַרשע, אין צענטראַל קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. די זכרו־



נות זענען אויך פאַרבינדן מיט מיינע יוגנט־יאָרן. מיין פאָטער קאָפּל האָט געשטאַמט פון קאָרעץ; מיינע זיידע־באָבע האָבן געלעבט אין קאָרעץ, נאָך מיין פאָטערס טויט אין זיינע בעסטע יאָרן; בין איך יעדן זומער, בעת די שול־וואַקאַציעס, געפאָרן קיין קאָרעץ. עס דערמאָנען זיך אָט די רייזעס פון ראָוונע קיין קאָרעץ מיטן דעלעזשאַנס, די רייזע פון 60 ווייאָרסט האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, מיטן טוישן די פערד אין אַנטאָפּאָל און האַשטש.

קאָרעץ, אַ לעבעדיק יידיש שטעטל. יידן האָבן געצויגן זייער חיונה פון די אַרומיקע פויערים, די גרויסע צוקער פאַבריק ווו ס'געווען באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, האָט אויך בייגעטראָגן צום עקאָנאָמישן לעבן אין שטעטל. רבנים, דיינים (אויף וויפיל איך געדענק איז מיין זיידע געווען אָנגעשטעלט ביים בית־דין, ער פלעג זאַמלען געלט ביי יידן פאַר שטאָטישע צוועקן; ערב פסח איז ער געווען דער משגיח ווען מ'האָט געכשרט די צוקער־פאַבריק). איך געדענק די תלמוד־תורה, די ביבליאָטעק, ווו איך פלעג נעמען ביכער צום לייענען אַפילו ביים עסן, און ווען דער רוסישער בוך איז געווען צופעליק אָנגעשפּאַרט אויף אַ ספר, האָב איך פון זיידן אַריינגעכאַפּט יענעם פּסק...

אינזשעניר גילדענמאַן הייבט אָן זיינע דערינערונגען מיט דער בענקשאַפט נאָך זיין שטעטל קאָרעץ בעת זיינע וואַגלענישן מיט די פּאַרטיזאַנער. ער האָט געטראַכט וועגן דער גליקלעכער שעה, ווען זיינע פיס וועלן ווידער אַמאָל איבערטרעטן די ערד פון שטעטל. ער האָט אָבער דאָס שטעטל ניט דערקאַנט. ווי אַ ווילדער שטורם איז דורכגעגאַנגען און האָט אַלץ פאַרניכטעט. פון די פינף טויזנט יידישע נפשות איז כמעט קיינער ניט געבליבן. ער באַגעגנט בלויז צופרידענע פנימער פון די אוקראַינישע רוצחים, די שותפים פון די דייטשן, זיי וווינען אין די יידישע הייזער, געניסן פון יידישן גוטס. זעקס הונדערט יאָר האָט קאָרעץ געלעבט אַ זאַפטיק יידיש לעבן.

עטלעכע גרויסע פערזענלעכקייטן האָט דאָס קליינע שטעטל קאָרעץ אַרויסגעגעבן: ר' פּנחסל קאָרעצער; דעם וועלט באַרימטן אָפּערא־זינגער סיביריאַקאָוו, אַ זון פון אַן אָרעמען קאָרעצער חזן; דעם טאַלאַנטירטן שריפטשטעלער און דיכטער יעקב סיגאַל, דעם „קאַזיאַנעם ראַבינער" נחמיה הערשענהאָרן, דעם העברעיִשן דיכטער מאיר טשודנער וואָס איז געשטאָרבן פון הונגער אין וואַרשעווער געטאָ און אַ סך אַנדערע.

ער באַשרייבט דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

„ריאַדיא מישאַ" וואַנדערט איבער די חורבות פון זיין שטעטל קאָרעץ. די גרויסע שול האָבן די דייטשישע מערדער אויפגעריסן אויף דעם צווייטן טאָג ווען קאָרעץ איז פאַרנומען געוואָרן. מיט פייער זענען אַוועק אויך אַנדערע בתי־מדרשים, די תלמוד־תורה. ערב שבועות 1942 איז פאָרגעקומען די ערשטע אַקציע און אַ סך זענען אומגעבראַכט געוואָרן. דער בית־עולם רואינירט, דעם געמויערטן פּאַרקן צענומען און מיט די שטיינער האָבן די אוקראַינער די גאַסן געפּלאַסטערט. „ניטאָ מער קיין יידן אין קאָרעץ און דערפאַר איז שוין ניט נויטיק דאָס בריקל וואָס האָט געפירט בלויז צום בית עולם, דער לעצטער דור קאָרעצער יידן האָט דורך אַנדערע וועגן און אַנדערע בריקן זיין לעצטן וועג דורכגעמאַכט, דער בית־עולם — איין פעלד פון צעבראָכענע, אויסגעדרייטע, פאַראומריינִיקטע מצבות, אייניקע וואַלגערן זיך אויף דעם באַרג, און אייניקע זענען אַראָפּגעקייקלט ביז צום טייך. וויפיל ווילדע אכזריות און אומבאַגרענעצטע שינאה האָט מען באַדאַרפט האָבן אויף דורכפירן אָט די בעסטיאַלישע אַרבעט".

אין וויטערדיקן טייל גיט איבער מ. גינדעלמאַן די באַדינגונגען אין וועלכע די קאָרעצער יידן האָבן געלעבט ביי די דייטשן ביזן אומברענגען, די פייניקונגען, דאָס באַראַבעווען די יידן, די באַליידיקונגען א. אַז. וו.

דער מחבר האָט גערופן די יידן פאַרלאָזן די געטאָ און גיין אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. אין סעפּטעמבער 1942 האָט ער מיט אַ גרופּע פאַרלאָזט קאָרעץ, זיי האָבן זיך פאַרשאַפט געווער. זיין באַטייליקונג אין די פּאַרטיזאַנער קאַמפן ברענגט צום אויסדרוק „דיאַדיא מישאַ" אין אַנדערע זיינע דערינערונגען און אויסגאַבן. ער איז אַריין אין דער געשיכטע פון העלדישע קעמפער קעגן די דייטשישע מערדער.

זיין בוך פאַרענדיקט מ. גינדעלמאַן בזה הלשון: „מיט די וואָרצלען איז אַרויסגעריסן געוואָרן דער עלטסטער יידישער ישוב אין וואָלין — דאָס שטעטל קאָרעץ, וואָס האָט 600 יאָר געלעבט מיט די געזונטע טראַדיציעס פון ערלעכע וואָלינער יידן... אין די הערצער פון די איבערגעבליבענע וועט בלייבן אויף אייביק די ליכטיקע געשטאַלט פון דעם לעצטן דור קאָרעצער יידן..."

אינזשעניר מ. גינדעלמאַן איז געשטאָרבן אין ישראל.

# ביכער פון וואָלינער שרייבער און קעמפער

אברהם גל

כמעט אומעטום, ביי יעדער וויכטיקער געשעעניש אין ישראל געפינסטו וואָלינער. דו געפונסט זיי צווישן חלוצים־בויערס־באַשיצערס־קעמפערס.

אַט זענען לעצטנס דערשינען צוויי ביכער. ביידע שרייבערס — וואָלינער. ביידע „חברים" פון דער יידישער בריגאַדע אין ענגלישן מיליטער בעתן צווייטן וועלט־קריג: אלעזר גלעוז אַ מושבניק פון כפר־ויתקין — לובער[1] און חיים דן אַ קיבוצניק פון עינת — האַרכיוו[2].

אַ שווערן דערנערפולן וועג האָבן אַדורכגעמאַכט יידישע בריגאַדיסטן אַלס אַזעלכע. אָנהויבנדיק פון באַהעלפערס און שאָפערן אין בריטישן מיליטער ביזן אויפשטעלן די בריגאַדע אין 1944.

אין יענע יאָרן האָט זיך געלייגט דער שווערער שאָטן פון דייטשישן רויבפויגל אַף אייראָפּע. דאָ אין ישראל זענען מיר געווען ניט וויניק דערשעפּט פון יאָרנלאַנג פאַרמעסטן זיך מיט די אַראַבישע באַנדעס. איוב־בשורות האָבן צו אונדז דערגרייכט פון יענער־זייט ים און איבער וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך אָנגעצונדן די פיר פייעריקע אותיות: ב ו נ ט. מיר דאָ אין ישראל האָבן אָנגעצונדן די פיר פלאַקערן: נ ק מ ה. און ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין מדינה זענען מיר אַרויסגעגאַנגען אין מונדירן פון אַ פרעמד מיליטער זיך נוקם זיין אין די רוצחים פון אונדזער פאָלק.

די בריגאַדע איז אָנגעקומען קיין איטאַליע אין סוף קריג, אָבער זי האָט נאָך באַוויזן, אונטער דער ציוניסטישער פאָן און עמבלעם, שלאָגן מכות־רצח דער נאַצישער חיה. דאָך, דער עיקר־אויפטו פון דער בריגאַדע איז געווען די גרויסע הילפס־אַקציע דער שארית־הפליטה און דאָס צענויפזאַמלען זיי פון צווישן די אַזוי־פיל ברידער־קברים און טויטנלאַגערס און זיי צוגרייטן צו זייער אויסגעחלומטן וועג — קיין ארץ־ישראל.

צו אַט די צוויי וויכטיקע, היסטאָרישע געשעענישן זענען געווידמעט די צוויי ביכער פון אונדזערע צוויי וואָלינער פריינט.

אלעזר גלעוז קאָנצענטרירט זיך אין דער שווערער תקופה פון איבונגען, די שמירה אין לאַנד און דאָס אַנסופיקע וואַנדערן אין מצרים און איטאַליע. ער שילדערט גענוי דעם איטאַליענישן פראָנט און ענדיקט זיין בוך מיט בילדער פון דער האַלב־חרובער, פאַרנומענער אייראָפּע.

חיים דן ווידמעט זיין בוך דער תקופה פון נאָכן גרינדן דער בריגאַדע, איר געשיכטע און די נסיונות וואָס זי איז בייגעשטאַנען. דערשיטערנדיק איז זיין דערציילונג וועגן זיין שוועסטער לאה, וועמענס נאָמען ער האָט געפונען אויסגעקריצט אַף דער וואַנט אין דער גרויסער שול אין קאָוועל, פון וועלכער אַלע קאָנצענטרירטע דאָרט זענען געפירט געוואָרן צו די ברידער־קברים.

די הקדמה אין גלעוז'ס בוך איז געשריבן פון צוויי בעלי־סמכה'ס: חיים לאַסקאָוו און מאיר זורע וואָס האָבן גוט באַלויכטן די שפּענדונג פון די בריגאַדיסטן פאַר צה"ל.

די 30.000 פרייוויליקע בריגאַדיסטן פון יידישן ישוב ערב דער מדינה האָבן עפּעס אויפגעטון אין יענע שרעקלעכע־וווּנדערבאַרע טעג. אין זייער עצם אויסשפרייטן די יידישע פאָן ליגט איינגעוויקלט דאָס גרייט זיין זיך מוסר־נפש זיין און אַ גרויסער אידעאַל. שרעק און אומקום.

ביידע ביכער זענען געשריבן אין דער פאָרם פון פערזענלעכע טאָגביכער, אָבער זיי זענען אַ סך מער: זיי זענען די טאָגביכער פון אַ דור און אַ תקופה. אויך זייערע פערזענלעכע איבערלעבענישן זענען סימבאָלן פון זייער צייט.

חיים דן איז, דרך אגב, אַ רעדאַקציע־חבר און שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ילקוט ווהלין. זיי ביידן — אַ יישר־כוח.

1. אלעזר גלעוז: איש חו"ל, יומן של איש מושב בבריגדה היהודית. הוצ' אל־גל, ת"א.
2. חיים דן, ממדבר מצרים ועד מינכן, יומנו של איש בריגדה, הוצ' עם עובד — תרבות וחינוך ת"א, 140 זז.

# אַ בריוו פון אַרגענטינע

עמנואל פּאָלאַק

ערגעץ־ווו אין ניו־יאָרק זענען מיר זיך צענויפגעקומען, עטלעכע וואָלינער פריינד, זיך אַדורכשמועסן וועגן וואָלינער ענינים. דער עיקר שמועס איז געווען אַרום ילקוט ווהלין וואָס איז אונדז זייער וויכטיק. אפשר מער ווי אונדזערע פריינד אין ישראל שטעלן זיך פאָר. ברענגט דאָך דער ילקוט אַ לעבעדיקן גרוס פון ווייטע און פון נאָענטע, פון טייערע נשמות אין גן־עדן און צו אריכות ימים ושנים, פון לעבעדיקע פריינד און חברים.

— און פאַרוואָס טאַקע זאָל מען פון צייט צו צייט ניט שרייבן אין ילקוט עפּעס וועגן אונדז, לעבעדיקע וואָלינער? צי דען פעלן, חלילה אויס צווישן אונדז פּערזענלעכקייטן, געלערנטע, וויסנשאַפטלער, אַרבעטער, סוחרים, שווינדלער, גנבים?... — אַזוי איינער.

און אַ צווייטער:

— כ׳וואָלט דווקא געוואָלט עפּעס לייענען וועגן אַ וואָלינער גענעראַל, למשל, אין צה״ל, אויב ס׳דאָ אַזאַ איינער.

— כ׳האָב געהערט אַז מיר האָבן אויך אַ מיניסטער דאָרטן אין דער משפחה, איז עס אמת?

— נו, און ווער און ווו איז דער גנב? —

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אָט דעם שמועס ווען כ׳האָב אין אַ צייט אַרום דערהאַלטן אַ בריוו פון מיינעם אַ וואָלינער פריינט אין אַרגענטינע. ער איז אָפּגעפאָרן אַהין מיט עטלעכע יאָר צוריק. כ׳האָף אַז ער וועט ניט פאַראיבל האָבן אַף מיר, אויב כ׳וועל פאַרעפנטלעכן זיין בריוו.

...שוין אַ שפּאָר ביסל צייט האָב איך אייך ניט געשריבן, שרייבט מיין פריינט, מילא... איר מיינט אפשר, אַז איר האָט אָנגעווירן עפּעס וויכטיקס?... חוץ אַנטוישונג, אומצופרידנהייט און מרה שחורה — זעלטן ווען עפּעס בעסערס וואָלט אין מיינע בריוו געווען ביז איצט... און ווען איך שרייב אייך איצט, בין איך זעלבסטפאַרשטענדלעך, מער אויפגעלייגט און „ראַספּאַלאַזשעט“...

אַנו, מיין פריינט, קענט איר אפשר טרעפן, מיט וואָס אַזאַ ייד, ווי איך למשל, פאַרנעמט זיך אין אַרגענטינע? אַדרבא. טרעפט...

ניין, איר וועט מיר ניט גלויבן... איך בין אַ שוחט... יאָ, מיין פריינט, אַן אמת׳ער שוחט, לויט אַלע חוקים ודינים פון אונדזער הייליקער תורה... מיט אַ שאַרפן חלף אין דער האַנט, וואָס בלאַנקט, ווי אַ שפּיגל און איז דין ווי אַ האָר...

ווערט איר מיך פרעגן: ווי אַזוי איז דאָס געשען?

די מעשה איז גאָר אַ קורצע: ווען איך בין געקומען מיט מיין ווייב און קינדער קיין בוענאָס־איירעס, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז פאַר אַזאַ יידן, ווי איך, וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר אַרבעט, ווייל קיין בעל־מלאכה בין איך דאָך ניט, קיין פאַך אין די הענט האָב איך ניט און קיין געלט פאַרמאָג איך אויך ניט... איז וואָסזשע טוט מען?

קום איך צו מיינעם אַ ווייטן קרוב, וואָס וווינט אין אַ קאָלאָניע אין אַרגענטינע (צו אים ביך דאָך געפאָרן, כאָטש ער האָט מיך ניט „געטרעבעוועט“ צו זיך. אַ ברירה האָב איך געהאַט?) און זאָג צו אים אַזוי: ליבער קרוב! ווילט איר, אַז מיין ווייב און קינדער זאָלן ניט באַוויינען אייערע יאָרן — טאָ מוזט איר זיי צונעמען ביי מיר אויף אַ יאָר צייט...

וואָס הייסט אויף אַ יאָר צייט? איז דער קרוב אויפגעשפּרונגען אַן אויפגעקאָכטער — און דו, וואָס וועסטו טון?

— אַ קלוגע פראַגע — ענטפער איך אים קאַלטבלוטיק — איך וועל זיך אַוועקזעצן לערנען... נו לאָמיר זאָגן שחיטה... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אין מיין שטעטל געווען אַ ייד, אַ למדן, בקיא אין די קליינע אות׳עלעך.

הקיצור, מיין קרוב האָט געפונען, אַז איך בין גערעכט (אַן אַנדער ברירה האָט ער געהאַט?), אַ שוחט אין אַרגענטינע קען מאַכן אַ לעבן. ער האָט גענומען אויף קעסט מיין חברה „פּיקערס“, און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שטודירן שחיטה. מיין רבי איז געווען אַן אַלטער רב, אַ למדן.

אין אַ יאָר אַרום האָב איך באַקומען סמיכות אַף שחיטה. איצט, מיין פריינד, בין איך אַן אמת׳ער שוחט פון עופות און בהמות, אַ מענטש, וואָס האָט צו זאָגן אַפן לעבן און טויט פון שטומע נפשות.

זאָגט מיר, מיין פריינד, צו האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט בשעת איר עסט אַ גוט שטיקל קאַטשקע, צי גאַנדז, צי אַזוי אַ געשמאַק פשוט שטיקל רינדערן פלייש — וועגן צער בעלי־חיים, וועגן דעם אידעלן געפיל פון ליבע צו די תמימותדיקע אומשולדיקע באַשעפענישן, וואָס זענען גאָט די נשמה שולדיק. און צו האָט איר כאָטש איינמאָל אַ קלער געטון, וואָס פילט און לעבט איבער אַ שוחט, נו, לאָ־

מיר נעמען אַפילו אין דער ערשטער צייט פון זיין גזלנישער מלאכה ?

דעם אמת געזאָגט, האָב איך פּערזענלעך קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. וועמען איז געליגן אין קאָפּ צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן ?... אָבער איצט טראַכט איך זייער אָפט וועגן דעם.

יעדעס מאָל, ווען דאָס וואַרעמע עופעלע גיט דאָס לעצטע מאָל אַ צאַפּל אין מיינע הענט און פאַרגלאָצט די אויגעלעך, יעדעס מאָל, ווען איך הער דאָס ווילדע רעווען פון דער בהמה, וואָס פילט נעבעך, אַז מ׳פירט זי צו דער עקדה — ברעכט מיר מיין האַרץ פון ווייטיק און צער... איך לעב דאָך פון דעם חלף... פּשוט פון גזלנישער אַרבעט... שרייט אין מיר דעמלט יעדער אבר...

איך האָב אַ תירוץ: איך טו דאָס אין נאָמען פון דער הייליקער תורה, לויט אירע אַלע דינים וחוקים... איך האָב אַ טרייסט, אַ שווערע טרייסט: איך איינער טראָג פאַר גאָט דעם שווערן חטא פון אָפּנעמען דאָס לעבן ביי אַ לעבעדיקן נפש און פאַרשפּאָר דעם חטא צו טון טויזנטער יידן... נאָר איך איינער, איינער פאַר אַלע...

אָבער וועמענס שאַרפער מעסער שניידט זיך אַריין אין אַ לעבעדיקן גוף ?... וועמענס ? — מיינער...

איר זעט, מיין פריינד, איך האָב אייך געוואָלט אָנשרייבן אַ פריילעכן בריוו און מיט וואָס האָט זיך דאָס געענדיקט ? איך האָב אייך טאַקי געמוזט אַריינשלעפּן אין מיין גיהנום׳ל, וואָס רופט זיך נשמה... נאָר אויב איר זענט אַ גוטער פריינט, וועט איר מיר מוחל זיין...

אַלזאָ, איך בין אַ שוחט. איך האָב שוין געפונען אַ פּלאַץ אין אַ יידישן ישוב, וווהין איך האָב אַריבערגענומען מיין ווייב און קינדער. איך בין געוואָרן אַ בעל־הבית מיט אַ ליכטיקער, פריילעכער דירה, מיט אַ שטיקל גאָרטן און מיט אַ קו... ס׳איז גאָר געוואָרן אַ לעבן...

איך האָב קיין עין הרע, אַ גאַנצע קאָלאָניע אונטער זיך, אַ גאַנץ דאָרף פון — צווישן אונדז גערעדט — פון אַזוינע עמי־הארצים, אַז זעלטן האָב איך צווישן אונדז יידן אַזעלכע געטראָפן. און יעדער גוי, איך מיין ייד, איז ברייטביינערדיק און הויך, ווי אַ דעמב, אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. אָבער יעדער פון זיי איז אויסגעשטאַנען אַ שווערן קאַמף מיט דער נאַטור, ביז זיי האָבן געבראַכט די קאָלאָניע צו אַזאַ פּרעכטיקן צושטאַנד. אַ סך קאָלאָניסטן זענען זיך אין זיינער צייט צעלאָפן, ניט אויסגעהאַלטן די נויט און דעם שווערן קאַמף. אָבער די וואָס זענען פאַרבליבן און האָבן געהאַט מער מוט און כוח, מער אויסדויער, האָבן איצט פּרעכטיקע רייכע פעלדער, גוטע פערד, טייערע בהמות... אָדנים סלאָוואָם, בעלי־בתים. אַף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

איך בין געאַכטעט און זייער באַליבט ביי זיי. איך בין ניט נאָר דער שוחט. איך בין אויך דער רב, דער דיין, דער חזן און וואָס ניט ?...

איך פּסקן שאלות, גיב עצות, מאַך שלום צווישן מאַן און ווייב, ווען זיי צעקריגן זיך... און איך וועל אייך זאָגן, אַז זיי האָבן פאַר מיר דעם גרעסטן דרך־ארץ, און וואָס איך זאָג זיי — איז פאַר זיי הייליק און טייער. תורת משה. איר וועט מיר גלויבן — איך לאַך אָפט צו זיך אַליין, ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן זיך און איך דערמאָן זיך, אַז נעבן אונדזער שטעטל איז געווען (מסתמא נאָך דאָ) אַ דאָרף, סערבריווקע האָט עס געהייסן, זענען דאָרטן געווען גויים, ווי דעמבעס, איך פלעג שטענדיק ציטערן, ווי אַ לולב, ווען ס׳פלעגט מיר אויסקומען דורכצופאָרן דאָס דאָרף. די גויים פון דעם דאָרף זענען געווען באַרימט אין דער געגנט מיט זייער מעשים, מיט זייערע פּעטש, וואָס זיי פלעגן געבן אויף די יאַרידים. זיי האָבן פאַר קיינעם אין דער וועלט ניט מורא געהאַט, אַפילו ניט פאַרן אוריאַדניק.

נאָר פאַר איין מענטשן האָבן זיי יאָ גרויס דרך־ארץ געהאַט: דאָס איז געווען זייער „באַטיושקאַ", זייער טאַטעלע, ווי זיי רופן אים, דער — „פּאָפּ" מיט די לאַנגע האָר, שוואַרצע סוטאַנע. פאַר אים האָבן זיי באמת מורא געהאַט. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען פאַר זיי הייליק. וואָס ס׳האָט זיך ניט געטראָפן אין דאָרף, איז מען באַלד געלאָפן צום באַטיושקאַ, און ס׳פלעגט בלייבן, ווי ער האָט גע׳עצה׳ט אָדער פאַרשפּראָכן, ווי געזאָגט: „פּיפּ קאַזאָוו". דער פּיפּ האָט געהייסן.

וואָס, איר לאַכט ? נאָר באמת, איך אין מיין „יעפּאַרכיע", להבדיל, אין מיין קאָלאָניע, מיין איך, בין איך, ווי דער פּאָפּ אין סערעבריווקע, ווייל וואָס איך זאָג — איז הייליק. אַ קלייניקייט. פּיפּ קאַזאָוו !...

מיט דרך־ארץ

השוחט מקולניה „אמיגא" חיים ש.

# אין דער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע

(אַ בריוו פון ניו־יאָרק)

דער טויט פון פרעזידענט פון אונדזער פעדעראַציע, דער אומפאַרגעסלעכער נייטן פירער, איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער גרויסער וואָלינער משפחה אין אַמעריקע, ניט ווייניקער ווי פאַר זיינע בני־בית, פרוי, קינדער און אייניקלעך. צו די שלושים האָבן מיר דאָ אָפּגעהאַלטן אַ טרויער־אַקאַדעמיע צו זיין אָנדענק. אָבער דער אמתער אופן פון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער גרויסן נפטר דאַרף זיין דאָס אונדערמידלעכע פאַרברייטערן און פאַרצווייגן די טעטיקייט אין דער פעדעראַציע. געוויס איז דאָס געוועזן זיין ווונטש.



וואָלינער פרויען־קאָמיטעט אין אַמעריקע. צווישן זיי — באַוווּסטע און אָנערקענטע טוערינס

און ווירקלעך, אַ טייל פון אָט דעם פּלאַן איז דאָס אויפשטיין פון וואָלינער פרויען־קאָמיטעט אין דער פעדעראַציע, וואָס זאָרגט פאַרן אויסענדיקן דעם „היכל" אין ישראל און פאַר ווייטערדיקער קולטורעלער אַרבעט צום אָנדענק פון וואָלינער יידנטום.

די יידישע פרוי האָט שטענדיק פאַרנומען (ניט נאָר אין אַמעריקע) אַ בכבודיקן אָרט אין געזעלשאַפטלעך, נאַציאָנאַל און סאָציאַל לעבן. ס׳גענוג דערמאָנען די הדסה־באַוועגונג, וויצ"אָ, מזרחי־פּיאָנערן־פרויען, אָרט א. אַז. וו. אין אַמעריקע. און היינט, ווו זענען פרויען־פערזענלעכקייטן (נאַציאָנאַלע פירערינס) ווי הענריעטאַ סאָלד, גאָלדע מאיר שתחי׳ און אַ סך אַנדערע.

מיר, דער עלטערער דור יידן־עמיגראַנטן, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין נייעם לאַנד, אין אַ פרעמדער סביבה און פרעמדע שפּראַך און קולטור — כדי ווייטער וועבן אונדזער היימיש־סאָציאַל לעבן און זיך וואַרעמען ביי די פייערלעך פון אייגענער משפחה, האָבן מיר געגרינדעט לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטיס. אָבער ווען מיט דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין די סאָסייעטיס אַ ירידה — זענען געוועזן די פרויען וואָס האָבן געגרינדעט הילפס־קאָמיטעטן און געראַטעוועט כמעט אַלע קאָמיטעטן פון אונטערגאַנג.

דאָס געהערט צו דער געשיכטע, היינט פאַרנעמען פרויען אַף דעם געביט דעם אויבנאָן... איז... ווען אונדזערע פרויען האָבן דערזען אונדזערע פעלערן, האָבן זיי זיך מאָביליזירט כדי אונדז דערלאַנגען הילף און ס׳געגרינדעט געוואָרן דער וואָלינער פרויען־קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט איז שוין גאַנץ אַקטיוו און אַריינגעבראַכט לעבן אין דער פעדעראַציע און ס׳קיין וווּנדער ניט — צווישן זיי פרויען — פּאָפּולערע טוערינס, וואָס זייער נאָמען גייט פאַר זיי.

איז לאָמיר זיי ווינטשן אַ האַרציקן יישר־כוח און דערפאָלג אין זייער אַרבעט.

**אברהם גרשנזאָן**

# געשטאלטן

## נחום מאַנעלזאָן



ווען כ׳האָב זיך מיט אים באַקאַנט איז ער שוין געווען אַן אַקטיווער דערציער פון עליית הנוער. האָט אַדורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון ראָוונע ביז טיף אין רוסלאַנד — און צוריק קיין פּוילן, עסטרייך, ווו ער איז געווען פון די וויכטיקע מבריחים פון דער שארית הפליטה קיין ארץ־ישראל, און אין פראַנקרייך — ווו ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער, אַנערקענטער פירער פון די קינדער־קאָלאָניעס אונטערוועגנס אין משך פון עטלעכע יאָר, ביז זיי זענען אַלע צוזאַמען אָנגעקומען אַהיים — קיין ארץ־ישראל. געקומען איז ער מיט זיין פרוי און קינדער.

מ׳האָט אים דאָ פאָרגעלייגט דאָס אָנפירן מיטן קינדער־דאָרף „נוה הדסה״ וואָס האָט געהערט צום קיבוץ תל־יצחק.

נוה הדסה איז דעמלט געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן; באַראַקן מיט צעבראָכענע טירן און פענצטער; באַוואַקסן מיט ווילד גראָז און מיט אַ גרויסן (ווילדן) דעפיציט.

נחום האָט זיך גענומען ערנסט צו דער אַרבעט. שטערונגען — אויף טריט און שריט, אָבער נחום איז ניט פון די וואָס קאַפּיטולירן צוליב שוועריקייטן. ער האָט געפּלאַנט און געאַרבעט טאָג און נאַכט, ביז ער האָט אויפגעבויט אַ יש מאין.

כ׳לייען אין דער בראָשור, אַרויסגעגעבן לכבוד דעם 20 יאָריקן יובילעאום פון קינדער־דאָרף, אַ סך אָנערקענונגס־בריוו פאַרן דירעקטאָר פון אַנשטאַלט, נחום מאַנעלזאָן, געשיקט פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקייטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

און ווירקלעך. דאָס דאָרף איז זיך אונטער זיינע הענט, צעוואָקסן און זיך צעבויט אין דער לענג און אין דער ברייט. פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעכטיק דערציונג־ווינקל פאַר יידישע קינדער פון גאָר דער וועלט.

מאַנעלזאָן איז אויך געווען טעטיק אין קאָמיטעט פון ראָוונער איגוד אין ישראל. אויפגעטון אַ סך פאַר נייע וואָלינער עולים און איינגעאָרדנט אַ סך קינדער זייערע אינעם קינדער־דאָרף.

נחום איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענער פאַמיליע־מענטש. שבתים און ימים־טובים איז זיין הויז געווען מלא שמחה און פול מיט פריינד און באַקאַנטע. געגלייבט האָט ער שטאַרק אין שבת־מלכתא, וואָס באַרייכערט און פאַרבינדט ענג דאָס פאַמיליע־לעבן.

ער איז געווען פול מיט פּלענער סיי פאַר זיין אַנשטאַלט, סיי ווו ער איז געווען טעטיק פרייוויליק — ווען ער איז פּלוצעם צוגענומען געוואָרן פון אונדז.

און ווען חברים דערמאַנען זיך אין אים — טוט זיי האַרציק באַנק...

**אליהו מאנדעל**

# ג י ב ו ר

טעקסטיל־אונטערנעמונג למ״ד

אנגעהויבן קליין אין
צווייטן האַלבן יאָר 1967

# ה י י נ ט

**דער גרעסטער עקספּאָרטער**
**אין מדינת ישראל**

עקספּאָרטירט יעדעס יאָר
פאַר צענדליקער מיליאָנען $

# ג י ב ו ר